# ענדע פעברואַר אָנהייב פון דער טאַמבאָלאַ־קאַמפּאַניע פאַרן יאָר 1973

אויף איר זיצונג פון 6־טן פעב־רואַר האָט די ביוראָ פון אונדזער פאַרבאַנד באַטראַכט די פראַגע פון דער היאָריקער טאָמבאָלאַ־קאַמפּאַ־ניע..

די מיטגלידער פון ביוראָ האָבן דערביי אויסגעדריקט זייער צופרידנ־קייט פון פאַרלויף פון דער קאַמפּאַ־ניע אין 1972 און זייער אָנערקענונג דער קאָמיסיע, וועלכע האָט פאַרי־קעס יאָר מיט איר אָנגעפירט.

עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיסיע, כדי צוצוגרייטן אַ פּלאַן פון דער היאָריקער קאַמפּאַניע.

# גינסטיקער אָנפאַנג פון איינקאַסירן מיטגליד-אָפּצאָל פאַרן יאָר 1973

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס יאָר 1973 און פאַר אונדזערע מיטגלידער שטייט די אויפגאַבע פון איבערע־גיסטראַציע און אַרויסנעמען די מיט־גליד־קאַרטן פאַרן נייעם יאָר.

מיט צופרידנקייט שטעלן מיר פעסט, אַז אַ געוויסע צאָל אונדזערע געטרייע מיטגלידער, האָט נישט גע־וואַרט אויפן נייעם יאָר און שוין ענדע 1972 איינגעצאָלט זייער מיט־גליד־אָפּצאָל פאַרן יאָר 1973.

די אַקציע גייט פאָרויס אין גינס־טיקע באַדינגונגען. אַריבער 200 מיט־גלידער האָבן זיך שוין איבערעגיס־טרירט און באַקומען זייערע נייע קאַרטן.

מיר זיינען זיכער, אַז אַלע אונ־דזערע מיטגלידער וועלן נאָכטאָן זיי־ער ביישפּיל.

# פאַרן 30 טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

אין צוויי חדשים אַרום, אין אַפּריל, וועלן מיר פייערן דעם 30־טן יאָרטאָג פון גלאָררייכן אויפשטאַנד פון וואַרשע־ווער געטאָ.

מיר וועלן אין אונדזער אַפּריל־נו־מער ציען די לערעס פון דער גרויסער געשעעניש אין דער געשיכטע פון אונ־דזער פאָלק.

היינט ברענגען מיר עטלעכע אויס־צוגן, מיט גרויסע קירצונגען, פון די „כתבים פון געטאָ״ פון עמאַנועל רינ־געלבלום, דעם כראָניקער פון וואַרשע־ווער געטאָ, וועלכער איז געווען אַן עדות פון די געשעענישן פון יענער צייט. זיי שילדערן די אַטמאָספער פון יענע הע־ראָאישע טעג.

# וואָס דאַרפן די געוועזענע קאַמבאַטאַנטן נישט אָנגעבן אין זייער שטייער־דעקלאַראַציע

עס איז געקומען די צייט פון אויספילן די שטייער־דעקלאַראַציע פאַרן יאָר 1972.

מיר דערמאָנען דעריבער, אַז מען דאַרף נישט דעקלאַרירן די פענסיעס פאַרן ערן־לעגיאָן (לעזשיאָן ד׳האָ־נער), פון „מעדאַי מיליטער״, ווי אויך נישט די קאַמבאַטאַנטן־רענטע.

מען דאַרף אויך נישט אָנגעבן די מיליטערישע אינוואַלידן־פענסיעס און די פענסיעס פון מלחמה־אַלמנות.

מען דאַרף אָבער יאָ דעקלאַרירן די רענטע פון דער סעקוריטע סאָסיאַל, ווי אויך די אַזוי־גערופענע „פּאַנסיאָן דע רעווערסיאָן״, וועלכע ס׳באַקומען פון דער סעקוריטע סאָסיאַל די אַל־מנות.

די מלחמה־פענסיע פון אַן אלמנה באַשטייט פון 2 טיילן. מען דאַרף נישט אָנגעבן די טייל, וואָס איז נוגע דער פענסיע פון אַ סאָלדאַט; מען דאַרף אָבער יאָ דעקלאַרירן די טייל, וואָס איז נוגע די יאָרן פון דינסט פון פאַרשטאָרבענעם מאַן.

אַ לעצטע באַמערקונג. געוועזענע קאַמבאַטאַנטן און מלחמה־קרבנות קאָ־נען אַראָפּרעכענען די צאָלונגען אויף „רעטרעט מיטיואַליסט״, ווי אויך באַשטייערונגען לטובת אינסטיטו־ציעס פון געזעלשאַפטלעכער נוצלעכ־קייט. דאָס לעצטע איז נוגע אַלע שטייער־צאָלערס. די דאָזיקע באַשטיי־ערונגען דאַרפן אָבער נישט איבער־שטייגן אַ האַלבן פּראָצענט פון איינ־קונפט, וועלכן דער שטייער־צאָלער דעקלאַרירט.

N°139 Février 1973 (1)


<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

איזי בלום קלייטמאַן

# די יידן אין דער רעזיסטאַנס פון סטאַלאַג B III

אין לעצטן נומער פון אונדזער צייטונג האָבן מיר איבערגעגעבן דעם ערשטן טייל פון די זכרונות פון אונדזער גענעראַל - סעקרעטאַר, איזי בלום, נוגע דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין סטאַלאַג 3 ב. (פירסטענבערג ביי דער אָדער), פון וועלכער ער איז געווען איינער פון די גרינדער.

די דאָזיקע דערינערונגען זיינען געדרוקט אין פראַנצויזישן טייל פון אונדזער יובל־בוך „דער יידישער פריוויליקער קעמפער 1945 — 1939".

מיר ברענגען דאָ, מיט געוויסע קירצונגען, דעם ווייטערדיקן טייל פון די זכרונות.

אין 1943 איז פאָרגעקומען אַ דייטלעכע עוואָלוציע ביי די קריגס־געפאַנגענע. זיי האָבן שוין איצט געגלויבט אין זיג פון די אַלירטע און זיך דעצידירנדיק אָפּגעוואָנדן פון די פעטעניסטן, קאָלאַבאָראַטאָרן און פון די שליחים פון סקאַפּיני.

די אָנפירונג פון אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט געהאַלטן, אַז עס איז געקומען דער מאָמענט אויסצובררייטערן די באַוועגונג און איינצוגלידערן אין איר אַלע פּאַטריאָטישע עלעמענטן.

אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער „פּאַטריאָטישער פראָנט" פון סטאַלאַג 3 ב. זייער שנעל האָבן זיך אין אים אָנגעשלאָסן זייער פיל מענטשן פון פאַרשידענע סאָציאַלע שיכטן און פּאָליטישע האָריזאָנטן.

איך וועל בלויז ברענגען אין ביישפּיל, כדי צו באַווייזן ווי פּאָפּולער אונדזער באַוועגונג איז געוואָרן צווישן די קריגס־געפאַנגענע.

ווי באַוווסט האָבן די דייטשן זיך נישט גערעכנט מיט דער זשענעווער קאָנווענץ נוגע דעם אויסוויילן פון אַ פּאַרטרויאונגס־מאַן. זיי האָבן יעדעס מאָל אַליין באַשטימט די דאָזיקע פונקציע, פאַרשטענדלעך אַ קאָלאַבאָראַטאָר. אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן צו פאָדערן וואַלן, אין איינקלאַנג מיט די זשענעווער אָפּמאַכן, כדי צו באַשטימען דעם פּאַרטרויאונגס - מאַן. דער פּאַטריאָטישער פראָנט האָט אַרויסגעשטעלט זיין אייגענעם קאַנדידאַט, דיפע, קעגנאיבער דעם קאַנדידאַט, וואָס איז געווען אונטערשטיצט דורך די דייטשן (דאַכט זיך, אַז זיין נאָמען איז געווען מערסיע). דאָס איז געווען אַן אמתע וואַלשלאַכט. אין רעזולטאַט איז אונדזער קאַנדידאַט אויפן פּאָסטן פון פאַרטרויאונגס־מאַן פון לאַגער אויסגעוויילט געוואָרן. דערנאָך איז דאָס זעלבע פאָרגעקומען אין דער מערהייט באַראַקן ביים אויסוואַל פון זייערע פּאַרטרויאונגס־מענער.

אין לאַגער האָבן זיך געפונען געפאַנגענע פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן: אַמעריקאַנער, רוסן, יוגאָסלאַוון און נאָך מוסאָליניס קאַפּיטולאַציע, אויך איטאַליענער. מיר האָבן באַשלאָסן אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. פּאָל בראָן, וועלכער האָט גערעדט ענגליש, האָט באַקומען די אויפגאַבע צו געפינען אַ קאָנטאַקט מיט די אַמעריקאַנער און האָט זי געוויסנהאַפט אויסגעפירט. מאָריס גרינבערגן און באַנקהאַלטערן האָט זיך איינגעגעבן אָנצובינדן באַציאונגען מיטן סאָוויעטישן קריגס־געפאַנגענעם בורקין און מיטן יוגאָסלאַוו מירקאָ פרידמאַן.

מיר האָבן געוווסט, אַז אין לאַגער עקזיסטירט אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע פון דייטשע אַנטיפאַשיסטן. מיר האָבן באַשלאָסן זיך מיט איר צו פאַרבינדן. מיר האָבן געוווסט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויס געפאַר, צוליב דער גרויסער צאָל מענטשן פון דער „אַבווער" אין די רייען פון אונדזערע דייטשע היטער. מיר האָבן דעריבער אָנגעוואָנדן ספּעציעלע פאָרזיכטיקייט־מיטלען, און, נאָך אַ געדולדיקער אַרבעט, איז דאָס אונדז געלונגען סוף 1943.

אָט ווי אַזוי דאָס איז געשען:

אונדזער חבר וו. כאַסיד, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער אינפערמערי, האָט פון צייט צו צייט פאַרפירט געשפרעכן מיט אַ סאָלדאַט, וועלכער האָט דאָרט צוגעפירט יעדן טאָג קראַנקע סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע. פון אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט דער דייטשער סאָלדאַט נאָך אַ געוויסער צייט זיך פאַרטרויט פאַר כאַסידן, אַז ער געהערט צו דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן נאָך אָפּגעוואַרט אַ געוויסע צייט און באַפולמעכטיקט כאַסידן, ער זאָל, מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, בעטן דעם סאָלדאַט אַ דאָקומענטאַציע נוגע דער אַקטיוויטעט פון דער דייטשער געהיימער אָרגאַניזאַציע. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר באַקומען אַ דאָקומענט, אונטערגעשריבן „דייטשער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט", וועלכער האָט גערופן צום קאַמף קעגן דעם היטלער־רעזשים און פאַר פאַרענדיקן די מלחמה. מאָריס כאַסיד, וועלכער האָט דעם דאָקומענט אַרויסבאַקומען, האָט נישט דערמאָנט אין זיינע געשפרעכן מיטן סאָלדאַט, נישט זיין נאָמען און אויך נישט וועגן דער עקזיסטענץ פון פּאַטריאָטישן פראָנט.

נאָך אַ פּאָר וואָכן איז דער סאָלדאַט פאַרשוווּנדן. מיר האָבן באַלד אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן פון לאַגער פון כאַסידן און פון אַ צווייטן געפאַנגענעם, שאַפּאַשניק. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק, ווייל אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אין לאַגער צוגעפירט דעם דייטשן סאָלדאַט, געשמידט אין קייטן, ער זאָל דערקענען „זיין" געפאַנגענעם. דאָס האָט נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן, ווייל אונדזערע חברים זיינען שוין געווען ווייט פון לאַגער.

•

מיר האָבן יעדן טאָג איבערגעזעצט אויף פראַנצויזיש, ענגליש און רוסיש דעם קאָמוניקאַט פון דער ווערמאַכט, צוגעגעבן אונדזערע קאָמענטאַרן און פאַרשפּרייט אין די באַראַקן. שפּעטער האָבן מיר זיך איינגעשאַפן פאַר 60 פּאַקעטן אַמעריקאַנער ציגאַרעטן, אַן אויסערגעוויינלעך גרויסע סומע אויפן דעמאָלטיקן שוואַרצן מאַרק, אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט. דאָס האָט אונדז דערלויבט נאָכצופאָלגן די ראַדיאָס פון לאָנדאָן און מאָסקווע. מיר האָבן געשאַפן ספּעציעלע עקיפּן אויף נאָכצופאָלגן, איבערזעצן און פאַרשפּרייטן די מלחמה־קאָמוניקאַטן, ווי אויך אַנדערע וויכטיקע ידיעות.

דאָס איינקויפן דעם אַפּאַראַט ביי דייטשע ציווילע, דאָס איבערטראָגן אים אין לאַגער און שפּעטער — צו די אַמעריקאַנער געפאַנגענע, איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. מיר זיינען זיי גובר געווען. אונדזער פרייד האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. אַ פּאָר טעג שפּעטער, צוליב אַ מסירה האָבן די דייטשן אַנטדעקט דעם אַפּאַראַט און אים קאָנפיסקירט. זיי האָבן אָבער, צום גליק, נישט אַנטדעקט די נעמען פון אונדזערע חברים וואָס האָבן זיך מיט דער אַקציע פאַרנומען.

•

מיר האָבן אַרויסגעגעבן פלוגבלעטער, רופנדיק צו סאַבאָטאַזש. די פּאָפּולערסטע לאָזונג איז געווען: „אַ זאַמדעלע אין מאָטאָר". דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער גרויסער צאָל אַרבעטס־פאַרפאַלן, אין דער באַדייטנדיקער צאָל מענטשן אין דער אינפערמערי און אין שפּיטאָל, אין פאַרשווינדן פון אַרבעטס־מכשירים, באַשעדיקונג פון אַרבעטס־מאַטעריאַל, אָפּזאָגן זיך פון אויסאַרבעטן מלחמה־מאַטעריאַל א"א.

בלויז איין ביישפּיל, כדי צו באַווייזן ווי ווירקזאַם אונדזער אַקציע איז געווען:

אַ געוויסן טאָג האָבן די דייטשן באַמערקט, אַז אַ גרויסע צאָל בהמות פאַלן אַוועק. אַן אויטאָפּסיע האָט באַוויזן, אַז די אינגעווייד פון די בהמות זיינען דורכגעלעכערט. זוכנדיק צווישן די קאַרטאָפל־שאָלעכץ האָבן זיי געפונען טשוועקעס. דער סאַבאָטאַזש איז אויפגעדעקט געוואָרן, אָבער מען האָט נישט געפונען די שולדיקע.

כדי אויסצוברייטערן די סאַבאָטאַזש־טעטיקייט אונטער פאַרשידענע פאָרמען, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ געהיימע מאָנאַט־צייטונג.

(זע זייט 5)

פּראָפ. טוביה גראַל

# יידישער ווידערשטאַנד אין מיטלאַלטער

(סוף)

אין לעצטן נומער פון אונדזער צייטונג ((138), פון דעצעמבער 1972, האָט פּראָפ. גראַל געשילדערט דאָס אַנטשטיין פון יידישע קהילות אין אייראָפּע אין מיטלאַלטער און דעם אָנפאַנג פון די רדיפות קעגן זיי.

מיר ברענגען דאָ דעם סוף פון דעם אַרטיקל.

די גרויזאַמסטע תקופה פון קאַטוילישן מיטלאַלטער איז געווען די תקופה פון די קרייץ־צוגן פון 11־טן ביזן 13־טן יאָרהונדערט. דאַן איז אויך צום העכסטן אויסדרוק געקומען דער יידישער ווידערשטאַנד, פאַר אַלעם פאַרקערפּערט אין קידוש השם. וועגן דעם גרויזאַמען צייט־אָפּשניט, וואָס האָט זיך געצויגן 175 יאָר, האָט דער גרויסער יידישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו אין זיין אַרבעט „די באַדייטונג פון דער יידישער געשיכטע", געשריבן צווי"א:

„דאָס בארימטע פאָלק ישראל פון דער ביבלישער צייט און דער פאַראַכטעטער יודאַ פון מיטלאַלטער — איז דאָס זעלביקע פאָלק. אויב ישראל האָט געשאַנקען דער מענטשהייט אַ רעליגיעזן וועלט־קוק, האָט דער „יודאַ" געוויזן אַ ווונדערבאַרן ביישפּיל פון אַ כוח, וואָס קאָן אַלצדינג גובר זיין אין נאָמען פון זיינע איבערצייגונגען. אָט די מאָראַלישע נישט דערשראָקנקייט אין נאַכט און אין שטורעם אויף להכעיס אַלע קלעפּ פון שיקזאַל — צי דען איז דאָס אַליין נישט אַ דראַמע, וואָס פאָדערט דעם גרעסטן יראת־הכבוד?"

יידן זיינען געווען די ערשטע מאַסן־קרבנות פון די ערשטע מחנות, נאָך נישט אָרגאַניזירטע, קרייץ־טרעגער. אויפן רוף פון פּויפּסט אורבאַן דעם צווייטן אויפן קאָנסיל אין קלערמאָן אין יאָר 1095, האָבן זיי זיך געלאָזט, פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך, קיין פּאַלעסטינע, פאַרנומענע פון די טערקן־סעלדזשוקן, כדי צו באַפרייען אין ירושלים דעם קבר פון זשעזי קריסט פון די „פאַרשאָלטענע דעמאַנען געצנדינער".

די דאָזיקע „הייליקע קאַטוילישע" אַרמיי, וועלכע האָט באַקומען די ברכה פון פאַרטרעטער פון גאָט אַליין, דעם פּויפּסט, האָט זיך רעקרוטירט פון פינצטערע, סעאָדאַלע פאַנטשינע־פּויערים און ערדלאָזע ריטער 1), וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט רויב און אָנפאַלן אויף סוחרישע דיליזשאַנסן. דעם בעסטן מאָראַלישן אַטעסטאַט פאַר די דאָזיקע „באַפרייער" האָט אויסגעשטעלט דער פּויפּסט אַליין. אָט, וואָס מיר לייענען אין זיין „הייליקן אַפּעל" צו די קרייץ־טרעגער:

„זאָלן איצט ווערן ריטער די, וועלכע זיינען פריער געווען רויבער! זאָלן איצט פירן אַ גערעכטן קאַמף מיט די באַרבאַרן די, וועלכע זיינען פריער באַפאַלן די אייגענע ברידער! זאָלן איצט באַקומען אַן אייביקע באַלוינונג די, וועלכע זיינען פריער, פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל, געווען געדונגען (צום מאָרדן)".

אויב רויב און מאָרד זיינען געוואָרן סאַנקציאָנירט אויך אין נאָמען פון זשעזי קריסט, האָט מען געמעגט טויטן און רויבן, נישט וויכטיק ווו און וועמען.

כדי אויפצוהאַלטן דעם „געהויבענעם קאַמפּסגייסט" ביי די קרייץ־טרעגער, וואָס זיינען אין יאָר 1096 אָנגעקומען קיין מיינץ (דייטשלאַנד) און אָרטעמום געזוכט „די אַנטיכריסטן פון „ירושלים", האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן דערווייל זיי אונטערגעוואָרפן אַ ביין... די יידן. אונטערגעשיקטע העצער האָבן געלייענט פאַר די „אַרבעטסלאָזע באַפרייער" אויסצוגן פון דער ביבל, פון נייעם טעסטאַמענט, וועגן גאָלגאָטאַ־וועג פון זשעזי קריסט, וועלכן די יידן האָבן אומגעבראַכט, און אין די מוחות פון די פאַנאַטישע פּויערים און ריטער־רויבער איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַזאַ געדאַנק. (ציטירט לויט דער כראָניק פון שלמה בר שמעון פון מיינץ):

„זעט נאָר, מיר ציען אינעם ווייטן וועג אַריין אויסצוזוכן דעם קבר פון יעזוסן און נקמה נעמען אין די ישמעאלים און דאָ געפינען זיך צווישן אונדז יידן, וועמענס עלטערן האָבן געקרייציקט אונדזער גאָט. טאָ לאָמיר ברידער זיך נוקם זיין אין זיי, אַזוי, אַז דער נאָמען ייד זאָל מער נישט דערמאָנט ווערן".

און מען האָט זיך אויך באַלד פלייסיק גענומען צו דער אַרבעט. קודם האָט מען פאַגראָמירט יידישע הייזער, צוגענומען האָב און גוטס און גלייכצייטיק אויסגעהרגעט הונדערטער יידן, פאַר וועלכע קיינער האָט זיך נישט אָנגענומען.

געפאַלן אונטערן מעסער זיינען נישט נאָר די, וואָס זיינען געווען אין זייערע היימען, נאָר אויך די, וואָס זיינען אַנטלאָפן אין פּאַלאַץ פון בישאָף — דעם הערשער פון דער שטאָט. די „הייליקע" שטאָטישע מאַכט האָט נישט באַוויזן איינצוהאַלטן די מערדער־האַנט, טראָץ דעם, וואָס יידן האָבן איר געגעבן גרויס אויסקויף־געלט.

און דאָס הזרט זיך איבער אין פיל דייטשישע שטעט מיט גרויסע יידישע קהילות — אין וואָרמס, שפּייער, מיינץ א"א. אָט וואָס מיר לייענען אין דער טראַגישער, יידישער כראָניק פון יענע טעג:

„ווען קיין מיינץ איז אָנגעקומען די גרויזאַמע ידיעה, אַז די יידישע קהלות פון די שטעט שפּייער, און וואָרמס זיינען געוואָרן אויסגעשאָכטן, זיינען די ראשי הקהלה אַוועק צום בישאָף, זיינע פירשטן און גראַפן בעטן הילף — מען האָט זיי געזאָגט: ברענגט אייער גאַנץ געלט צו אונדז און קומט מיט די פרויען און קינדער אין בישאָפס פּאַלאַץ, ביז די צלם־טרעגער וועלן דורכציען".

די יידן האָבן אַזוי געטון. אָבער ווען די קרייץ־טרעגער זיינען אָנגעקומען האָבן סיי דער בישאָף, סיי זיינע אַדל־לייט געלאָזן די יידן אויף גאָטס באַראָט און פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ.

איזאָלירט און פאַראייניזאַמט נעמען אויף די יידן דעם קאַמף. מען וואָרפט אָפּ די פאַרשלאָגן פון די קרייץ־טרעגער אונטערצוגעבן זיך און פאַרלאָזן דעם בישאָפס פּאַלאַץ. מען באַשליסט צו פאַרטיידיקן נישט נאָר דאָס לעבן, נאָר פאַר אַלעם דעם יידישן כבוד און מענטשן־רעכט.

אין דער כראָניק לייענען מיר:

„די יידן אין בישאָפס פּאַלאַץ האָבן זיך אָנגעגורט און זיך אַלע דערנענטערט צום טויער, קליין ביז גרויס אָנגעטון אין פּאַנצערס, באַוואָפנט מיט קריגס־וואָפן. און זיי האָבן זיך געשלאָגן ביזן מיטן טויער... פרומע פרויען האָבן געוואָרפן גאָלד פון די פענצטערס, כדי די שונאים אויפצוהאַלטן מיטן זוכן אַזוי לאַנג, ביז די יידישע פרויען און מענער, וועלן ענדיקן די שחיטה איבער זייערע אייגענע זין און טעכטער. מאַמעס האָבן אַליין געשאָכטן די אייגענע קינדער, כדי צו טון גאָטס ווילן... און ס'איז מקוים געוואָרן ווי ס'שטייט געשריבן: „מוטערס מיט קינדער זיינען צעהאַקט געוואָרן" (הושע ז. 14)."

עטלעכע באַשרייבונגען ברענגען ענגלישע, קריסטלעכע כראָניקער פון דער צייט.

אָט וואָס מיר לייענען אין דער כראָניק פון גייסטלעכן וויליאַם פון טיובאַרג און מאָנאַך נייטאָן פון לעסטער, ווי זיי באַשרייבן די שחיטה איבער יידן אין דער ענגלישער שטאָט יאָרק אַדורכגעפירט דורך די קרייץ־טרעגער:

„באַלד האָבן די יידן אויפן רוף פונעם זקן — דעם באַרימטן רב ר' יום־טוב, וואָס איז געקומען פון פראַנקרייך — פאַרברענט זייער האָב און גוטס, כדי דער שונא זאָל נישט ווערן רייך פון זייער עשירות. נאָכדעם ווי דער דאַך האָט אָנגעהויבן ברענען האָבן זיי זיך צוגעגרייט צו קידוש השם. די וואָס זיינען געווען מוטיק האָבן אומגעבראַכט זייערע פרויען, שפּעטער די קינדער, אַלע זיינען אַזוי אַרום אומגעקומען".

אין יענע גרויל־טעג האָבן שוואַכע, אומבאַוואָפנטע יידן געוויזן דער וועלט, אַז ס'איז דאָ אַ זאַך, וואָס איז טייערער ווי דאָס לעבן. דאָס איז דער מענטשלעכער כבוד, וועלכן מען קאָן פאַרטיידיקן אין אַלע באַדינגונגען. טויזנטער יידן פון מיטלאַלטער, וואָס זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם, האָבן געשריבן אַן אומשטערבלעכע „הערואיקאַ" פאַר די קומענדיקע דורות. זיי האָבן געוויזן דעם באַדייט פון גלויבן — דעם ווירקלעכן באַגריף פון הייליקייט, וואָס איז טייערער פון אַלץ.

אויף אַ רעליגיעזן אופן האָבן טויזנטער מאַרטירער געשריבן, מיטן אייגענעם בלוט, די געבאָטן פון אַ טיף מענטשלעכע מאָראַל — דעם אויסדרוק פון פלאַמיקער קעגנערשאַפט צו אַלע פאַרמען פון אונטערדריקונג, געוואַלט און רציחה.

מיר דאַרפן באַפרייען די געשיכטע פון יידישן קידוש השם פון רעליגיעז־פאַנאַטישן און טראַדיציאָנעלן, און אָנבינדן צו זיין דערהויבענעם טיףמענטשלעכן אינהאַלט. דאָס דאַרפן מיר אַריינגעמען אין דער מאָדערנער, וועלטלעכער יידישער פּעדאַגאָגיק, לערנען און דערציען אויף דעם אַ נייעם דור פון שטאָלצע יידן און מענטשן, קעמפער פאַר אַ שענערער, בעסערער וועלט פון פרייע, גלייכע גליקלעכע בירגער.

---

1) לויטן פעאָדאַלן געזעץ (מאַיאָראַט) האָט די גאַנצע ערד פון פעאָדאַל געירשנט נאָר דער עלטסטער זון (מאַיאָר). די איבעריקע קינדער האָבן גאָרנישט באַקומען. אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ מאַסע ערדלאָזע ריטער.

N° 139 Février 1973 (2)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# וואס הערט זיך אין דער קאמבאטאנטן-וועלט ?

(געלייענט אין דער קאמבאטאנטן-פרעסע)

## נאך דער אפשטימונג פון קאמבאטאנטן-בודזשעט

אין 1972 האָבן די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס געפירט אַן ענערגישע אַקציע פאַר זייערע פאָדערונגען. 2 מאָל זיינען פאָרגעקומען נאַציאָנאַלע מאַניפעסטאַציעס, די פראַגע איז ברייט דיסקוטירט געוואָרן אין יוני אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און סוף יאָר בעתן אָפּשטימען דעם ביודזשעט פאַרן יאָר 1972 אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און אין סענאַט, וועלכער האָט אָפּגעוואָרפן דעם רעגירונגס־פּראָיעקט.

עס איז דעריבער אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט דעם, וואָס די קאָמבאַטאַנטן האָבן דערגרייכט דורך זייער אַקציע און וואָס עס בלייבט נאָך צו דערגרייכן. מיר וועלן דאָס אַנאַליזירן פּונקט נאָך פּונקט אויפן סמך פון אַן אַרטיקל, דערשינען אין „פּאַטריאָט ר'עזיסטאַן״.

## וואס האבן די קאמבאטאנטן דערגרייכט און וואס בלייבט נאך צו דערגרייכן ?

„ראַפּאָר קאָנסטאַן״

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער פּאַרלאַמענט האָט אָפּגעשטימט דאָס געזעץ וועגן מלחמה־פּענסיעס, איז באַשטימט געוואָרן, אַז די דאָזיקע פּענסיעס וועלן ווערן רעגולירט לויט די פּענסיעס פון געוויסע קאַטעגאָריעס מלוכה־באַאַמטע. דאָס איז אָנגערופן געוואָרן „ראַפּאָר קאָנסטאַן״.

אין 1962 און אין 1970 האָט די רעגירונג אָנגענומען דעקרעטן, וועלכע האָבן דערפירט צו אַ ריס מיט דער יאָרן־לאַנגער טראַדיציע. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז דער אונטערשיד צווישן די קאָמבאַטאַנטן־פּענסיעס און די לוינען פון די דאָזיקע קאַטעגאָריעס מלוכה־באַאַמטע האָט שוין איבערגעשטיגן 20 פּראָצענט, צום שאָדן פון די מלחמה־פּענסיאָנירטע.

זייט יאָרן פאָדערן די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס צוריקצושטעלן דעם „ראַפּאָר קאָנסטאַן״, אָבער אָן רעזולטאַטן.

בעת דער לעצטער ביודזשעט־דיסקוסיע, האָט דער נייער קאָמבאַטאַנטן־מיניסטער, ה. באַרד, דערקלערט, אַז ער האָט בדעה צונויפצורופן אַן אַרבעטס־גרופּע, וועלכע זאָל באַהאַנדלען די פראַגע מיטן אָנטייל פון פאָרשטייער פון זיין מיניסטעריום און פון די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס. די לעצטע האָבן אויך געפאָדערט דעם אָנטייל פון פּאַרלאַמענטאַריער, אָבער דאָס איז נישט אָנגענומען געוואָרן.

### אויסגלייכן קאָמבאַטאַנטן־רענטע

אין 1930 האָט דער פּאַרלאַמענט איינגעשטעלט די קאָמבאַטאַנטן־רענטע, וועלכע מען באַקומט צו 65 יאָר.

אין 1959 האָט די רעגירונג אָפּגעשאַפן די רענטע פאַר די קאָמבאַטאַנטן פון צווייטן וועלט־קריג. נאָך אַן איינשטימיקער פּראָטעסט־קאַמפּאַניע, איז די רענטע צוריקגעשטעלט געוואָרן, אָבער, אויב אַ קאָמבאַטאַנט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה באַקומט 401 נייע פר. אַ יאָר, באַקומט דער קאָמבאַטאַנט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה בלויז 35 פר., אויב ער איז נישט אַ 50 פּראָצענטיקער אינוואַליד.

די קאָמבאַטאַנטן רוקן אַרויס זייט יאָרן די פאָדערונג: „די זעלבע קאָמבאַטאַנטן־קאַרט, די זעלבע קאָמבאַטאַנטן־רענטע״.

לעצטנס איז באַשטימט געוואָרן, אַז אָנהייבנדיק פון 1973 וועלן די קאָמבאַטאַנטן פון צווייטן וועלט־קריג באַקומען יערלעך 50 נייע פר., אַנשטאָט 35. אַזוי אַרום וועלן 100 ביז 125 טויזנט געוועזענע קאָמבאַטאַנטן באַקומען אַ העכערונג, וואָס מאַכט אויס 4 סענטים אַ טאָג. די פּאַראַינטערעסירטע האָבן די דאָזיקע העכערונג באַצייכנט אַלס אַ נדבה. דער קאַמף פאַר אויסגלייכן די קאָמבאַטאַנטן־רענטע וועט פאָרגעזעצט ווערן.

### רעכט פון אלמנות און עלטערן פון געוועזענע פראָנט־קעמפער

לויטן פּענסיע־קאָדעקס דאַרף אַן אלמנה פון אַ 100 פּראָצענטיקן מלחמה־אינוואַליד באַקומען אַ העלפט פון זיין פּענסיע (500 פּונקטן). דאָס מאַכט אויס יערלעך 6.085 נייע פר. זי באַקומט בלויז 5.567 פראַנק, אויף דער באַזע פון 475.5 פּונקטן.

וואָס עס איז נוגע עלטערן פון אַ 100 פּראָצענטיקן מלחמה־אינוואַליד, וועלכע האָבן דערגרייכט די עלטער פון 65 יאָר און צאָלן נישט קיין שטייערן, וואָלטן זיי געדאַרפט באַקומען יערלעך אַ פּענסיע פון 4.052 נייע פר. זיי באַקומען אָבער בלויז 2677 פר. ד״ה 3. פר. 60 אויף אַ פּערזאָן טעגלעך.

לויטן געזעץ דאַרפן 2.700 אלמנות פון גאָר גרויסע אינוואַלידן באַקומען אַ העכערונג. עס איז אָבער גאָרנישט פאָרויסגעזען פאַר עלטערן פון קריגס־אינוואַלידן.

אַזוי ווי די דאָזיקע קאַטעגאָריע (אלמנות, עלטערן, יתומים) באַטרעפט אַרום 600.000 פּערזאָן, מוז מען פעסטשטעלן, אַז בלויז 8 מענטשן אויף טויזנט וועלן באַקומען אַ העכערונג.

### פּראָפּאָרציאָנעלקייט פון דער אינוואַלידן־פּענסיע

דאָס געזעץ פון 31־טן מערץ 1919 האָט באַשטימט די אַזויגערופענע פּראָפּאָרציאָנעלקייט פון מלחמה־פּענסיעס, ד״ה, למשל, אַז אַ 10־פּראָצענטיקער אינוואַליד דאַרף באַקומען אַ צענטל פון דער פּענסיע פון אַ הונדערט־פּראָצענטיקן.

די דאָזיקע פּראָפּאָרציאָנעלקייט איז אָפּגעשאַפן געוואָרן. היינט באַקומט למשל אַ 30 פּראָצענטיקער אינוואַליד יערלעך 1.728 נייע פר. אַנשטאָט 2.289.

אין דער פראַגע איז גאָרנישט פאָרויסגעזען געוואָרן און די אומגערעכטיקייט בנוגע די „קליינע פּענסיאָנירטע״ וועט פאָרגעזעצט ווערן.

### אָפּשאַפן די „פאָרקלוזיעס״

ווי באַוווּסט האָט די רעגירונג מיט אַ ריי יאָרן צוריק באַשטימט די אַזויגערופענע „פאָרקלוזיאָן״, ד״ה אַ דאַטע נאָך וועלכער עס וועלן נישט אַרויסגעגעבן ווערן די נויטיקע דאָקומענטן די ווידערשטענדלער און געוויסע קאַטעגאָריעס מלחמה־קרבנות. אַזוי אַרום האָט אַ גרויסע צאָל מענטשן, וועלכע האָבן פאַרנאַכלעסיקט צו דערלעדיקן די נויטיקע פאָרמאַליטעטן, נישט מער קיין רעכט אויף אַ פּענסיע, כאָטש זייער קראַנקייט איז אַ רעזולטאַט פון מלחמה־ליידן.

די קאָמבאַטאַנטן ־ אָרגאַניזאַציעס פאָדערן זייט יאָרן די „פאָרקלוזיאָן״ זאָל אָפּגעשאַפט ווערן.

בעת דער לעצטער דיסקוסיע אין סענאַט האָט דער קאָמבאַטאַנטן־מיניסטער דערקלערט אין דער פראַגע: „...עס איז נויטיק, אַלס ערשטער עטאַפּ, אַדורכצופירן אַ ברייטע דיסקוסיע אין שויס פון אַ שטודיום־גרופּע, צו וועלכער איך וועל פאַרבעטן פאָרשטייער פון די קאָמבאַטאַנטן ־ אָרגאַניזאַציעס...״

### צוריקשטעלן דעם 8־טן מאַי אַלס נאַציאָנאַלן יום־טוב

דעם 20־טן מערץ 1953 איז דער 8־טער מאַי, דער טאָג פון זיג איבער היטלער־דייטשלאַנד, באַשטימט געוואָרן אַלס נאַציאָנאַלער יום־טוב צוגלייך מיטן 11־טן נאָוועמבער. אַ רעגירונג־דעקרעט פון 11־טן אַפּריל 1959 האָט אָפּגעשאַפן דעם יום־טוב. די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס פאָדערן אים צוריקצושטעלן.

אין דער דאָזיקער וויכטיקער פראַגע איז נישט אָנגענומען געוואָרן קיין באַשלוס.

### א נ ט ו י ש ו נ ג

ווי מיר זעען, זיינען אונטערן דרוק פון די קאָמבאַטאַנטן־מאַניפעסטאַציעס אָנגענומען געוואָרן געוויסע שריט. די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס פאַרצייכענען דעם דאָזיקן פאָרשריט. אָבער דער אַלגעמיינער ביודזשעט האָט נישט אַרויסגערופן קיין ענטוזיאַזם. פאַרקערט, אומעטום ווערט דער נייער ביודזשעט קריטיקירט.

עטיען נוווא, וויצע־פּרעזידענט פון „אופאַק״, שרייבט אין „אַמפּוטע דע גער״, אַן אַרטיקל אונטערן טיטל: „אַנטוישונג״.

„מען קאָן נישט רעדן וועגן אַ וואַקסנדיקן קאָמבאַטאַנטן־ביודזשעט, ווען ער איז געהעכערט געוואָרן בלויז מיט 2,80 פּראָצענט אין דער צייט ווען דער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער ביודזשעט איז געוואָקסן מיט 11 פּראָצענט און די לעבנס־קאָסטן מיט 8 פּראָצענט.

דער „רעוועי די קאָמבאַטאַן״ גיט צו:

„די רעגירונג האָט דערקלערט, אַז אין פריערדיקן ביודזשעט זיינען אַנולירט געוואָרן 400 מיליאָן נייע פראַנקען צוליבן טויט פון אַ גרויסע צאָל געוועזענע קאָמבאַטאַנטן.

צי האָט מען נישט געקאָנט אויסנוצן די דאָזיקע סומע כדי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די לעבן־געבליבענע געוועזענע פראָנט־קעמפער?

אין „פּאַטריאָט רעזיסטאַן״ לייענען מיר:

„דעם אמת געזאָגט, איז דער רעזולטאַט אַ מינימאַלער. די וואָס מאַניפעסטירן זייער צופרידנקייט אָדער זעלבסט־צופרידנקייט, זיינען נישט גערעכט. צי קאָן מען רעדן וועגן „פאַרבעסערן די לאַגע פון די אלמנות, עלטערן און יתומים פון קריגס־אינוואַלידן״, ווען די העכערונג רירט בלויז אָן 8 מיליאָן פון זיי? צי קאָן מען רעדן וועגן „פאַרשטענדעניש אין דער פראַגע פון דער קאָמבאַטאַנטן־רעטרעט״ אין דער צייט, וואָס די דיסקרימינאַציע צווישן די פאַרשידענע קאַטעגאָריעס איז נישט אָפּגעשאַפן געוואָרן און בלויז אַ טייל האָט באַקומען אַ העכערונג פון 4 סאַנטים אַ טאָג?״

## קאמבאטאנטן-ארגאניזאציעס און וויעטנאם

ווי באַוווּסט האָט אונדזער פאַרבאַנד אויסגעדריקט אין אַ טעלעגראַמע צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „אָנ״ו״ די אויפגעבראַכטקייט פון די געוועזענע יידישע קאָמבאַטאַנטן אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַמעריקאַנער באָמבאַרדירונגען פון האַנאָי און האַיפאָנג. אַ גרויסע צאָל קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד האָבן גענומען שטעלונג קעגן די דאָזיקע באָמבאַרדירונגען.

דער „פּאַטריאָט רעזיסטאַן״ האָט געשריבן:

„די שרעקלעכע באָמבאַרדירונגען, אפילו ווען די אַמעריקאַנער רעגירונג וועט זיי אָפּשטעלן, וועלן בלייבן אין אָנדענק פון דער מענטשהייט אַלס איינער פון די טראַגישסטע אַקטן אין דער געשיכטע פון מלחמות. טראַגישע און אומנויטיקע, ווי עס באַצייכענען עס אַלע קאָמענטאַטאָרן. די ב. 52, וואָס וואַרפן אַראָפּ פון 7000 מעטער הויך 30 טאָן באָמבעס יעדער איינער, זיינען נישט דער בעסטער אַרגומענט און זיינען נישט בכוח אָפּצושטעלן דעם ווידערשטאַנד פון אַ פאָלק, וואָס קעמפט שוין אַזויפיל יאָרן״.

דער „אַמפּוטע דע גער״ שרייבט:

„עס איז שוין זיכער. דער פּרעזידענט ניקסאָן שטעלט אָפּ די באָמבאַרדירונגען. דער אויפברויז פון דער גאַנצער וועלט האָט דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, ווי אויך די אויפרעגונג פון אַ געוויסן טייל פון דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט.

צי האַנדלט זיך שוין איצט אין אַ דעפיניטיוון איבעררייס פון די באָמבאַרדירונגען ?...

לאָמיר האָפן, אַז דאָס גרויסע אַמעריקאַנער פאָלק, וועמען פראַנקרייך האָט אַזויפיל צו פאַרדאַנקען, וועט צוריק איבערנעמען איר ראָל פון אַ מעכטיקער, פרידלעכער נאַציע.״

## פילם

## „ראזא, איך האב דיך ליב״

### א גלענצנדיקער ישראל-פילם

דער ישראלדיקער פילם „ראָזאַ, איך האָב דיך ליב״ פון משה מזרחי, וואָס איז סעלעקציאָנירט געוואָרן אויפן קינאָ־פעסטיוואַל אין קאַן, אין 1972, האָט שוין דאַן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די אָנוועזנדיקע. מען האָט אָבער געדאַרפט לאַנג וואַרטן, כדי אים צו זען ערשט איצט אין פּאַריז אין באַנייטן „סטודיאָ־עטואַל״, 14 רי טראַיאָן.

דער פילם איז שוין אַ ווערטפולער צוליב זיינע שיינע פאָטאָגראַפיעס און די ישראלדיקע פייזאַזשן פון אַלט־ירושלים אַרום 1898. ער איז דער עיקר גלענצנדיק צוליב דער טעמע, ווי צוליב זיין פיינער רעאַליזירונג און אויך צוליב דער שיינער שפּיל פון די ראָלן פון ראָזאַ און נסים.

די טעמע פון פילם, איז דער יידישער דין, וואָס פאַרפליכטעט דעם ברודער פון פאַרשטאָרבענעם מאַן חתונה צו האָבן מיט דער פרוי ווען זי בלייבט אַן אלמנה אָן קינדער.

לויט ווי משה מזרחי, דער אויטאָר און רעאַליזאַטאָר פון פילם האָט איבערגעגעבן, האָט ער זיך אין גרעסטן טייל אינספּירירט פון אַן אמתער פּערזענלעכער געשיכטע, וואָס עס האָט אים געהאַט דערציילט זיין באָבע, וועלכע האָט געלעבט 105 יאָר און וואָס ער האָט גוט געקענט אַלס קינד.

אַן אָפּשטאַמיקע פון שפּאַנישע יידן, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן דורך די אינקוויזיטאָרן, איז זיין באָבע געבוירן געוואָרן אין ירושלים, ווו זי איז יונג פאַרהייראַט געוואָרן. איר מאַן איז געשטאָרבן און זי איז פאַרבליבן אַן אלמנה אָן קינדער. זי האָט אַלזאָ לויטן יידישן דין געדאַרפט חתונה האָבן מיט איר שוואָגער, וועלכער איז אָבער נאָך געווען אַ קינד פון 11 יאָר. די חתונה האָט צוליב דעם דערווייל נישט געקאָנט פאָרקומען.

ראָזאַ האָט דאַן באַשלאָסן צו נעמען דעם שוואָגער צו זיך אין הויז און אים דערציען ביז ער וועט ווערן אַ מאַן.

דער גרויסער פאַרדינסט פון משה מזרחי איז וואָס ער באַגנוגנט זיך נישט מיטן אַרויסברענגען אין אַ האַלב ערנסטן, האַלב הומאָרפולן טאָן די דאָזיקע געשיכטע פון יידישן פאַטריאַרכאַלן און רעליגיעזן מנהג, ספּעציעל אין די מזרח־לענדער, נאָר וואָס ער שילדערט ראָזאַן אַלס אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט, וואָס וויל זיך מער נישט אונטערוואַרפן דעם געזעץ, לויט וועלכן בלויז דער מאַן האָט צו באַשטימען וועגן דער חתונה. זי באַוויזט צו איבערצייגן איר יונגן שוואָגער, וועמען זי האָט שטאַרק ליב ער זאָל זי צוערשט באַפרייען פון אירע פליכטן, כדי צו קאָנען מיט אים שפּעטער חתונה האָבן, אַלס אַ פולבאַרעכטיקטע פרוי, אויס אמתער ליבע. און נסים, וואָס האָט זי פאַרשטאַנען פירט אויס איר ווונטש.

ראָזאַ דערשיינט דאָ ווי אַ זייער ריינע נשמה, וואָס האָט טיף אָפּגעפילט דעם דין וואָס פאַרשקלאַפט די פרוי. זי האָט דעריבער זיך רעוואָלטירט און אָנגעהויבן צו פירן דעם קאַמף נישט בלויז פאַר איר, נאָר פאַר דער אַלגעמיינער עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי. איר קאַמף ווערט אַזוי אַרום דערהויבן צו אַ סימבאָל פון קאַמף פאַר דער ווירדע פון דער פרוי און מענטש.

„ראָזאַ איך האָב דיך ליב״ איז דעריבער מער ווי אַ שיינער פילם. דאָס איז אַ פילם געווידמעט דער רעוואָלטירטער יידישער פרוי, וואָס איז געווען געבונדן אויפן סמך פון דין מיט קייטן און געצוווּנגען געווען חתונה צו האָבן לויטן ווילן פון מאַן און קעגן וועלכן זי האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן.

בת אדם אין דער ראָל פון ראָזאַ און גאַבי אָטערנאַם אַלס נסים, זיינען נישט בלויז שיין און נאַטירלעך, נאָר שפּילן אויף אַן אויסגעצייכנטן איבערצייגנדיקן אופן.

דאָס איז אַ שיינער פילם, וואָס פאַרשאַפט באמת פיל פאַרגעניגן.

מ. שוסטער



Nº 139 Février 1973 (3)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# פאַרן 30-טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

## (פון די «כתבים פון געטאָ» פון עמאַנועל רינגעלבלום)

ווען עס האָבן זיך אין סעפטעמבער 1942 אָפּגעשטעלט די בלאָקאַדעס און עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אַ סך רעלאַציעס פון עדי ראיה וועגן דער מאַסן־שחיטה אין טרעבלינקע, איז געקומען אַ שרעקלעכע אויסניכטערונג. די יידישע באַפעלקערונג האָט פאַרשטאַנען, אַז מען איז באַגאַנגען אַ שרעקלעכן פעלער, נישט שטעלנדיק קיין ווידערשטאַנד דער ס. ס. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז ווען אינעם טאָג פון פּראָקלאַמירן אין וואַרשע די גירוש־אַקציע וואָלטן אַלע אויפגעשטאַנען, ווען זיי וואָלטן זיך געוואָרפן אויף די דייטשן מיט מעסערס, פלאַקנס, לאָפּאַטעס, האַקמעסערס, ווען מען וואָלט באַגאָסן די דייטשן, אוקראַינער, לעטן און די יידישע אָרדנונגס־דינסט מיט וויטריאָל, הייסער סמאָלע, קאָכעדיק וואַסער אאַ״וו, הקיצור: ווען די מענער פרויען און קינדער, יונג און אַלט וואָלטן אַרויס פרייוויליק און אַלע צוזאַמען, וואָלט נישט געווען קיין דריי הונדערט פופציק טויזנט דערמאָרדעטע אין טרעבלינקע, און עס וואָלט געווען בלויז 50.000 דערשאָסענע אויף וואַרשעס גאַסן... מען האָט בקול רם בייגעלייגט אַ שבועה: קיינמאָל מער וועט דער דייטש אונדז נישט רירן שטראָפלאָז פון אָרט. מיר וועלן אומקומען, אָבער אויך דער אָקופּאַנט וועט באַצאָלן מיט בלוט פאַר אונדזער בלוט... דאָס געטאָ האָט זיך גענומען באַוואָפענען און גרייטן אויפצונעמען די נייע קלעפּ, אויף וועלכע מען האָט זיך געריכט אין יעדער מינוט...

אין דער זעלביקער צייט האָב איך אויך באַטראַכט דעם אַרסענאַל פון דער יידישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. דער לאָקאַל האָט זיך געפונען אין אַ נישטבאַוווינטן הויז, אין אַ א״ג ווילדן הויז אויף מוראַנאָווסקע נומער 7, אין אַ לאָקאַל פון 6 צימערן אויפן ערשטן שטאָק. אינעם צימער פון דער אָנפירונג איז געווען אינסטאַלירט אַן ערשטקלאַסיקער ראַדיאָ, וואָס האָט געבראַכט ידיעות פון דער גאַנצער וועלט. דערנעבן איז געשטאַנען אַ שרייב־מאַשין. די מיטגלידער פון דער אָנפירונג פון דעם מיליטערישן פאַרבאַנד, מיט וועלכע איך האָב געפירט אַ שמועס במשך עטלעכע שעה, זיינען געווען באַוואָפנט אין רעוואָלווערן פאַרשטעקטע הינטערן פאַס. אין די גרויסע זאַלן האָט אויף אַ הענגער געהאַנגען געווער מכל המינים, ד״ה: האַנטמאַשין־געווער, ביקסן, פאַרשידענע מינים רעוואָלווערן, האַנטגראַנאַטן, קוילן־טאַשן, טאָרבעס מיט אַמוניציע, דייטשישע מונדירן, מיט וועלכע מען האָט זיך אַזוי דערפאָלגרייך באַנוצט בעת דער אַפּריל־אַקציע אד״גל. אין דעם צימער פון דער אָנפירונג איז געווען אַזאַ גרויסע באַוועגונג ווי אין אַן אמתדיקן אַרמיי־שטאַב; מען האָט דאָ אָפּגענומען באַפעלן פאַר די קאָשאַרירטע. פונקטען ווו מען האָט געזאַמלט און געשולט די קינפטיקע קעמפער, מען האָט געבראַכט ראַפּאָרטן וועגן די עקספּראָפּריאַציעס, וואָס די באַזונדערע גרופּן האָבן אַדורכגעפירט ביי גבירים לטובת דער באַוואָפענונג פון דער יידישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע...

חוץ דער קאַמפס - אָרגאַניזאַציע האָבן זיך באַוואָפנט פאַרשידענע גרופּן און באַזונדערע מענטשן. אין געטאָ אַריין איז געפלאָסן געווער אין פאַרשידענע צאָלן. אין די באַזונדערע שאָפּן האָבן זיך באַוואָפנט טרעגער, בעלי־עגלות, שמוגלער, פלאַצוווקע־אַרבעטער אאַ״וו. אַ סך בונקערס האָבן חוץ ראַדיאָ פאַרמאָגט געווער, וועלכן מען האָט געקויפט פאַרן געלט פון די א״ג אַלגעמיינע בונקער־פאָנדן. די קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט חוץ געווער צוגעגרייט אַ גרויסע צאָל פלעשער מיט אויפרייספּליסיקייטן, וועלכע האָבן געדאַרפט אַרויסרופן אַ פּאַניק ביי די דייטשן...

עס איז אויסגעבראָכן די אַפּריל־אַקציע. איבער די גאַסן פון געטאָ האָבן אין דער נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק (פון 18־טן אויפן 19־טן אַפּריל) געקרייזט די פּאַטראָלן פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע... עס האָט זיך באַוויזן אַ זעקסטויזנטקעפּיקע דייטשע אַרמיי, באַוואָפנט אין מאָדערנעם מאַטאָריזירטן געווער. קעגן דער דאָזיקער מאָדערנער אַרמיי איז אַרויסגעטראָטן אַ הייפל צום טויט־גרייטע מענטשן, באַוואָפנט אין רעוואָלווערן נישט פון בעסטער קוואַליטעט, אַ הייפל פון דער בעסטער, גאָבעלסטער יוגנט, פול מיטן באַוווסטזיין, אַז עס דערוואַרט זיי דער טויט...

עס האָבן געקעמפט אין געטאָ פאַרשידענע גרופּן, אין דעם בערשטער־שאָפּ אויף שוויענטאָיערסקעגאַס, אין די שאָפּן פון שולץ, טעבענס אאַ״וו. מען האָט געקעמפט אויף די דעכער פון די הייזער, איבער וועלכע עס האָבן געפלאַטערט די פּוילישע און ציוניסטישע (ווייס־בלויע) פאָן. מאָנטיק דעם 19־טן אַפּריל, אין די נאָכמיטאָג־שעהען, בין איך געווען אַן עד ראיה פון דעם פערטן שטאָק אויף נאַלעווקעס נומער 32 — פון אַזאַ קאַמף אויף מורנאָווסקע־גאַס. די קעמפער האָבן באַשאָסן די פאַרביימאַרשירנדיקע טיילן פון ס. ס. און אוקראַינער (למשל פון הויז לעשנאָ נומער 76, ווו עס האָט זיך געפונען דער שאָפּ פון ק. ג. שולץ). מען האָט געשאָסן אין די דייטשן און היידאַמאַקעס פון רעוואָלווערן און מאַשין־געווער, מען האָט זיי באַוואָרפן מיט האַנט־גראַנאַטן און באָמבעס...

אויף דער אַרישער זייט האָט מען זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט די געשעענישן אין געטאָ. מען האָט דערציילט, אַז די דייטשן האָבן מורא זיך צו ווייזן אין דעם אויסגעבערעגנטן שטח און רוקן זיך פאָרויס אונטערצינדן איין הויז נאָכן אַנדערן. מען האָט זיך אויסגעדריקט מיט פאַראַכטונג וועגן די דייטשן פאַר זייערע גרויזאַמקייטן. מען האָט געחוזקט פון זיי, אַז זיי קאָנען זיך נישט קיין עצה געבן מיט אַ הייפל יידן, וועלכע קעמפן פאַר זייער כבוד. פון מויל צו מויל האָט מען זיך איבערגעגעבן ידיעות וועגן די פאַרלוסטן פון די יידן אינעם קאַמף מיט די דייטשן, וועגן טאַנקן באַגאָסענע מיט בענזין דורך די יידן און אַזוי אַרום אונטערגעצונדענע, און וועגן אַנדערע מינים געווער דערבאָבערטע דורך די יידן. מען האָט דערציילט וועגן טויזנטער דייטשן און אוקראַינער דערהרגעטע אין קאַמף מיט די יידן. עס זיינען געווען קלאַנגען וועגן דערבאָבערן דעם פּאַוויאַק און באַפרייען די אַרעסטירטע, וועלכע זיינען צוגעטראָטן צום קאַמף. אין שטאָט האָט קורסירט אַ ידיעה וועגן אַ הייפל יידן, וואָס האָט דערבאָבערט אַ טאַנק, האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אים און איז אַרויסגעפאָרן מחוץ דעם געטאָ־תחום. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אויך געזען אַ יידישע זשאַן ד׳אַרק. אויף שוויענטאָיערסקע נומער 28, ווו עס איז געווען דער בערשטער־שאָפּ, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט בשעת די אַפּריל־קאַמפן, האָט מען געזען אַ שיין אַכצניעריק מיידל אין ווייסן, וועלכע האָט אויסערגעוויינלעך טרעפלעך געשאָסן פון אַ מאַשין־געווער אין די דייטשן. און איר האָט קיין שום קויל נישט געשאַדט. זי האָט קאָנטיק געטראָגן עפּעס אַ פאַנצער — אַזוי האָט מען דערציילט צווישן פאָלק. אין משך פון זעקס וואָכן האָט געהילכט אין געטאָ אַ כסדרדיקע שיסעריי. די בראַנד־שריפה האָט געצייכנט די שפורן פון דעם פאָרויסרוקן זיך פון די דייטשן. די דייטשן האָבן זיך מיט כל האופנים באַמיט אָפּצוטיילן דאָס קעמפנדיקע און אין בלוט־אָפּגייענדיקע געטאָ פון דער אַרישער באַפעלקערונג, אַז קיין שום ידיעות פון שלאַכט־פעלד זאָלן זיך נישט אַריבערקריגן און אַז פון געטאָ זאָל זיך נישט אַרויסבאַקומען קיין לעבעדיקער נפש. צוליב דעם האָט מען פאַרבאָטן די אַריער צו גיין אין די גאַסן, וואָס האָבן געגרענעצט מיטן געטאָ, ד״ה אויף לעשנאָ, באָניפראַטן, שוויענטאָיערסקע א״א. מען האָט אָפּגעשטעלט דעם טראַמוויי־פאַרקער אויף אָט די גאַסן און אים געווענדט דורך די אַרומיקע גאַסן.

אין די פאַרשפרייטע דעמאָלט אויף דער אַרישער זייט קלאַנגען איז געווען אַ שפּאָר ביסל פאַנטאַזיע, אָבער זיי האָבן אויך פאַרמאָגט אויטענטישע פאַקטן. הגם אַביסל פאַרדרייטע. די לעגענדע וועגן דעם יידישן אָרלעאַן־מיידל איז געבוירן געוואָרן דערפאַר, ווייל די יידישע מיידלעך האָבן גענומען אַן אָנטייל אין דער קאַמפס־אַקציע גלייך ווי די מענער.

---

איזי בלום קלייטמאַן

# די יידן אין דער רעזיסטאַנס פון סטאַלאַג III B

(סוף פון זייט 7)

דאָס איז געווען „דאָס געשריי פון סטאַלאַג״, אַכט זייטן, פאָרמאַט פון אַ העפט, געשריבן אויף דער האַנט. מיר האָבן אין אים צוו״א אויך צעשטערט די „אַרגומענטן״ פון קאָלאַבאָראַטאָרישן „טרע־ד׳וניאָן״.

אונדזער צייטונג איז איבערגעשריבן געוואָרן אין הונדערטער עקזעמפּלאַרן און, אונטער דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון הארקאָ, איבערגעשיקט געוואָרן אין די ווייטסטע קאָמאַנדאָס. איין עקזעמפּלאַר פון יעדן נומער איז באַהאַלטן געוואָרן אין אונדזערע אַרכיוון. דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די אַרכיוון, גאָסטאָן באָש, האָט ליידער זיי פאַרניכטעט דעם טאָג, ווען זשאָזעף סערני איז אַרעסטירט געוואָרן.

סערני, אַ קאָמיטעט־מיטגליד פון פּאַטריאָטישן פראָנט, איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 1־טן יולי 1944, ווייל מען האָט ביי אים געפונען אַ געהיים פלוג־בלעטל, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון לאַגער אויף אַרבעט. איזאָלירט און געפּאָרשט טאָג און נאַכט דורך דער געסטאַפּאָ אַ לענגערע צייט, האָט ער דאָך באַוויזן אונדז צו אינפאָרמירן, אַז זיין מאָראַל איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דעם 2־טן אָקטאָבער 1944 איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורכן העכסטן מיליטערישן געריכט. דער אורטייל איז נישט אויסגעפירט געוואָרן אַ דאַנק דעם פאָראויסמאַרש פון די אַלירטע אַרמייען.

אין גאַנצן לאַגער האָבן די דייטשן אָפּישירט דעם אורטייל, אין וועלכן מען האָט געקאָנט לייענען:

„אין דעם אויפרוף וואַרפט מען אָפּ די צוזאַמענאַרבעט מיט די דייטשן, מען דריקט אויס די האָפענונג, אַז דייטשלאַנד וועט פאַרשפּילן די מלחמה, מען אָנערקענט די רעגירונג פון אַלגער, מען סאָלידאַריזירט זיך מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך, מען רופט צו סאַבאָטאַזש און דעמאָראַליזאַציע פון דייטשלאַנד. מען גיט פאָלגנדיקע אָנווייזונגען נוגע סאַבאָטאַזש: „יעדער דאַרף אין זיין טעטיקייט־קרייז מיטווירקן אָפּצושוואַכן די דייטשע מאַכט!... צו פאַרקירצן די מלחמה דורך פאַרקלענערן דעם אַרבעטס־טעמפּאָ!... דורך סאַבאָטאַזש און אַנטלויפן! לאָמיר נישט אַדורכלאָזן קיין געלעגנהייט צו צעשטערן דעם מאָראַל פון די דייטשן!...

„מיר דאַרפן אַרויסברענגען אונדזער פעסטן צוטרוי אין זיג פון די אַלירטע, דעם גרויל פון דער מלחמה, וואָס היטלער האָט אָנגעפאַנגען; דעם אומגליק, וואָס דראָט די דייטשן, אויב זיי וועלן זיך נישט אָפּשיידן פון די נאַצישע אָנפירער...״

דאָס אָפּישירן די באַרעכטיקונג פון אורטייל און פון זיין שטרענגקייט האָבן באַוויזן, ווי ערנסט די דייטשן האָבן באַטראַכט די ווידערשטאַנד־טעטיקייט אין לאַגער.

•

כדי אָנצוזאָרגן די קריגס־געפאַנגענע, אַז זיי זאָלן אַנטלויפן פון לאַגער, האָט דער פּאַטריאָטישער פראָנט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן דאָס אַנטלויפן פון אייניקע זיינע אָנפירער. צווישן די ערשטע זיינען געווען מאָריס גרינבערג און סעגאַל.

אַ ספּעציעלע גרופּע האָט זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן דאָס אַנטלויפן פון אַרעסטירטע פאַר סאַבאָטאַזש, וועלכע זיינען געווען פאַרשלאָסן אין אַ באַזונדערן שטרענג־געהיטן באַראַק, אײדער זיי זיינען געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט.

איך וועל דאָ ברענגען איין ביישפּיל:

זשאַק פערע איז צוריקגעבראַכט געוואָרן פון זיין קאָמאַנדאָ אין לאַגער, ווו ער איז פאַרשלאָסן געוואָרן וואַרטענדיק אויפן אורטייל פאַר סאַבאָטאַזש. מיר האָבן פאַר יעדן פּרייז געוואָלט אים ראַטעווען. מיר האָבן דערביי געמוזט לייזן אַ ריי פּראָבלעמען. קודם כל האָט מען אים געמוזט אַרויסבאַקומען פון דעם תּפיסה־באַראַק. מיר האָבן אים פאַרשריבן צו גיין אין דער אינפירמערי אויף צו באַזייטיקן אַ צאָן. דער וועכטער וועלכער האָט אים באַגלייט האָט געוואַרט פאַר דער טיר און דערווייל איז פערע אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער, ווו אונדזערע חברים האָבן אויף אים געוואַרט. מען האָט אים איבערגעפירט אין אַ געוויינלעכן באַראַק, ווו ער האָט באַקומען אַן אַנדערע קליידונג און אויך אַן אַנדערן נאָמען, דעם נאָמען פון דעם נישט־לאַנג פריער אַנטלאָפענעם קריגס־געפאַנגענעם לענאַרמאַן. בכדי די צאָל געפאַנגענע זאָל בלייבן די זעלבע האָט מען אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן פון אַן אַנדערן קריגס־געפאַנגענעם פון דעם באַראַק.

די אָנפירונג פון לאַגער האָט פאַרזאַמלט אַלע וועכטער און געפּאָדערט איבערצוציילן די געפאַנגענע אין אַלע באַראַקן. זיי האָבן אונדז געציילט און ווידער געציילט, אָבער די צאָל האָט געשטימט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דער נייער לענאַרמאַן אויך אַנטלאָפן.

אין מאַי 1943 בין איך קראַנק געוואָרן און מען האָט מיך געשיקט אין שפּיטאָל קיין גובען. ווען מיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך אַביסל פאַרבעסערט האָב איך געפונען אַ קאָנטאַקט צו דער געהיימער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע פון דעם שטאַטישן קאָמאַנדאָ. נאָך אַ ריי שמועסן האָט דער דאָקטער פון שפּיטאָל, דער קאָלאָנעל באַטלי אַליין אַ קריגס־געפאַנגענער און פאַרמלחמהדיקער הויפּט־דאָקטער פון דער מיליטערישער שול אין ליאָן, זיך אַנגעשלאָסן אין פּאַטריאָטישן פראָנט. אין שפּיטאָל גופא איז געשאַפן געוואָרן אַ ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע מיטן קאָלאָנעל באַטל אין דער שפּיץ.

אין שפּיטאָל זיינען די סאָוויעטישע קריגס־געפאַנגענע געווען איזאָלירט פון אַלע אַנדערע און זייער לאַגע איז געווען אַ גאָר טרויעריקע. מיר האָבן מיט זיי אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט דורך דער פאַרמיטלונג פון די דאָקטוירים: בראַנזאַוו פון לענינגראַד און ראַיסקי פון כאַרקאָוו.

צוליב מיין קראַנקייט בין איך פאַרעכנט געוואָרן צו דער קאַטעגאָריע פון רעפּאַטריאירבאַרע. אָבער אַלס ייד האָב איך נישט געקאָנט ווערן רעפּאַטריאירט. מען האָט מיך איבערגעשיקט אין סטאַלאַג 3 א, אין לוקענוואַלד ווו איך האָב אויך אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט דער געהיימער אָרגאַניזאַציע.

אין סעפּטעמבער האָט מען מיך צוריק איבערגעשיקט אין לאַגער קיין פירסטענבערג. פריער האָב איך מיט אומזעבאַרער טינט איבערגעשריבן אין אַ העפט די אינסטרוקציעס פון דער געהיימער אַרמיי, וועלכע האָט זיך געפונען אין קאָנטאַקט מיט דער לוקענוואַלדער אָרגאַניזאַציע. נאָך מיין צוריקקום האָט אונדזער קאָמיטעט אָנגענומען די אינסטרוקציעס אַלס באַזע פאַר אונדזער ווייטערדיקער טעטיקייט.

דער ווידערשטאַנד האָט אָנגענומען די פאַרשידנסטע פאָרמען. דער קאַמף האָט זיך כסדר אויסגעברייטערט. די יידן פון סטאַלאַג 3 ב. האָבן מאַסנווייז אָנטיילגענומען אין די אַקציעס פון פּאַטריאָטישן פראָנט, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען געווען באַזונדערס שטרענג באַוואַכט און האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון די געפאַרן, וואָס לויערן אויף זיי.

זייער אָפּט האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע פון פּאַטריאָטישן פראָנט זיך פאַרזאַמלט אין אונדזער באַראַק. זיי האָבן זיך דאָ געפילט זיכערער, וויסנדיק, אַז צווישן יידן זיינען נישט פאַראַן קיין פּעטעניסטישע קאָלאַבאָראַטאָרן.

אין יולי 1943 האָט דער לאַגער־שעף באַשלאָסן איבערצופירן די יידן פון דער „יודענבאַראַקע״ קיין יעסניץ, נעבן גובען, כדי צו שאַפן פון זיי אַ דיסציפּלינאַרע קאָמאַנדאָ. אָבער אפילו אין די דאָזיקע געפערלעכע באַדינגונגען האָבן די יידישע קריגס־געפאַנגענע פאָרגעזעצט זייער אַנטי־היטלערישע אַקטיוויטעט ביז דער באַפרייאונג אין אַפּריל־מאַי. 1945.



№139 Février 1973 (4)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

Avril 1973 p.1

*Nos meilleurs voeux*
*de paix et de prospérité*
*à l'Etat d'Israël*
*à l'occasion*
*de son 25e anniversaire*

AVRIL 1973 — N° 140

Bimestriel

# Notre Volonté

**Bulletin de l'Union des Engagés Volontaires et Anciens Combattants Juifs 1939-1945**

58, rue du Château-d'Eau - PARIS-X° - Tél. : 607-49-26

### Dans une salle archicomble à la Mairie du XIe arrondissement

## l'Assemblée Générale a démontré la force et la cohésion de notre Union



Une vue partielle de la salle.

LA salle des fêtes de la mairie du 11e arrondissement de Paris était comble, le 1er avril, lors de notre Assemblée générale annuelle. Le nombre d'assistants dépassait celui de l'année dernière. C'était une assistance sereine, attentive, mais aussi enthousiaste qui réagissait par des applaudissements nourris à l'énumération de nos succès au cours de cette dernière période.

Nous puisons notre force dans la participation massive de nos membres, à toutes nos actions et dans tous les domaines : la défense de nos droits, perpétuer la mémoire de nos camarades tombés au champ d'honneur, notre activité sociale, la lutte contre l'antisémitisme et pour le châtiment des criminels de guerre, solidarité avec l'Etat d'Israël.

La cohésion de nos rangs est cimentée par notre fidélité aux principes, qui régissent notre activité depuis sa fondation. Nous sommes une organisation où cohabitent des Anciens combattant aux différentes convictions politiques, mais qui sont unis par les liens, forgés dans les combats au front et par les souffrances communes dans les camps, ainsi que par le souci d'élargir continuellement le rayonnement de notre belle association. Pour arriver à ce résultat, il était nécessaire de manifester une largesse d'esprit, une compréhension mutuelle.

« Vous savez, a dit dans son rapport notre Secrétaire général, que nous n'avons jamais commis et que nous ne commettrons jamais un acte pouvant blesser le sentiment de quiconque. »

Voilà pourquoi l'Assemblée générale a acclamé unanimement l'allocution d'ouverture de notre Président, B. Pons, a approuvé à l'unanimité le rapport d'activité du Secrétaire général, Isi Blum et le rapport financier, présenté par le trésorier adjoint A. Garbaz, en l'absence du trésorier L. Salamon. Ont été aussi fortement applaudis les salutations des représentants de la province : le Dr Juttner de Nice, et Gloviczower de Saint-Quentin. Prirent également la parole : Sztabovitch, pour la commission de la tombola ; Szulc, pour la commission sociale ; Appel, pour la commission de l'organisation de la cérémonie de Bagneux ; Beller, pour la commission de gestion de la maison de repos « Les Lauriers Roses » ; Artensztejn, pour la « Mutuelle » ; Szuster, qui parla de notre livre anniversaire « Le Combattant Volontaire Juif 1939-1945 ». Les assistants écoutèrent avec sympathie les camarades qui ont pris part à la discussion : Karczmer, Farber, Wageman. Leurs propositions seront examinées par le nouveau comité.

C'est à l'unanimité que fut adoptée la motion présentée par J. Fridman, Président d'honneur de Notre Union.

Le nouveau comité directeur a été élu à l'unanimité.

Notons que notre camarade, le Dr Gorovit, membre de notre comité, a représenté l'U.G.E.V.R.E. en tant que Président de cette fédération.

Après les débats, les assistants se rendirent au buffet, où au cours d'un vin d'honneur des conversations amicales se nouèrent.

Un souhait pour finir : Que notre Union connaisse encore de nombreuses réunions aussi réussies.

## Célébration de l'anniversaire de l'insurrection du Ghetto de Varsovie

A l'occasion du 30e anniversaire du soulèvement du Ghetto de Varsovie, a eu lieu, à Jérusalem et à Tel-Aviv, les 18 et 19 février dernier, une session du Conseil général de la Fédération mondiale des Résistants et Déportés Juifs. Des représentants de dix pays ont participé à cette session : Israël, Etats-Unis, Canada, France, Belgique, Argentine, Brésil, Mexique, Uruguay et Australie.

Le Consei général a lancé l'appel suivant à la Résistance Internationale :

« *Nous appelons nos frères d'armes, tous les combattants de la Résistance européenne, ainsi que les organisations internationales de la Résistance à lutter ensemble, comme nous l'avons fait dans le passé, contre le nazisme et le fascisme, contre le racisme et l'antisémitisme, pour la liberté et l'indépendance nationales de tous les peuples, pour la paix au Moyen-Orient et dans le monde entier.* »

Dans l'Etat d'Israël, cette commémoration revêt un caractère national. La Knesseth a adopté une loi faisant de l'anniversaire de la Révolte du Ghetto de Varsovie une journée nationale : « La Journée du Martyre et de l'Héroïsme ».

La dernière Assemblée générale de notre Union a lancé un appel à tous nos membres à commémorer dignement le 30e anniversaire de la Révolte du Ghetto de Varsovie en participant aux cérémonies organisés à cet effet à Paris et en province.

## Notre Tombola Annuelle

*La campagne annuelle de souscription au profit de nos œuvres sociales et pour la forêt en Israël vient de commencer. Nos camarades ont reçu des cartes de soutien et nous sommes convaincus qu'ils répondront favorablement à notre appel.*

*Nous publions ici la liste des lots de la tombola à laquelle participeront tous les détenteurs de ces cartes de souscription.*

*Le tirage aura lieu publiquement le 26 juin 1973.*

*LISTE DES LOTS*

**L'Association Française d'Anciens Combattants Volontaires Garibaldiens résidant en France célèbrera, le dimanche 29 avril à Montreuil, Parc Montreau, Salle Daniel-Renoult, le 28e anniversaire de la libération de l'Italie de l'occupation nazie.**

## Les protestations contre la grâce accordée à Touvier s'amplifient

Le mouvement de protestations contre la grâce accordée à Paul Touvier, chef de la milice pétainiste à Lyon, s'amplifie.

Ainsi, le Conseil général du Puy-de-Dôme demande « que l'action de la justice s'exerce à l'encontre de Paul Touvier, conformément à la décision unanime du Parlement français déclarant imprescriptibles les crimes de guerre ».

Le Conseil général de la Sarthe proteste « énergiquement, contre la non-extradition de Klaus Barbie, assassin de Jean Moulin, contre la grâce présidentielle accordée à Touvier » et demande la poursuite des criminels de guerre dans le monde entier.

Les représentants des familles de fusillés, massacrés et disparus, des anciens Résistants, déportés et internés, des anciens combattants et victimes de guerre des départements du Rhône, de la Savoie, de l'Ain, du Jura, de l'Isère, de la Drôme, de l'Ardèche, de la Loire réunis à Lyon, le 13 janvier dernier, réclament unanimement la réouverture d'une instruction complète qui établira après les enquêtes nécessaires, toute la vérité sur le cas Touvier.



<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# אונזער ווילן

ארגאן פון פארבאנד פון די געוו. ״ידישע פראנט״־קעמפער


**אונזערע וואַרעמסטע גליק־ווונטשן מדינת ישראל צו איר 25־טן געבוירנטאג**

# אונדזער דערפאלגרייכע יערלעכע אלגעמיינע פארזאמלונג

אונזער אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 1־טן אַפּריל, אין דער מערי פון 11־טן אַראָנדיסמאַן איז געווען אַן אויסדרוק פון צוטרוי פון די יידישע קאָמבאַטאַנטן צו זייער אָרגאַניזאַציע. טראָץ דעם וואָס יעדן איינעם איז צוגעקומען אַ בינטל ווייסע האָר אויפן קאָפּ, טראָץ דעם וואָס מערערע צענדליק פון אונזערע מיטגלידער האָבן אונז אין פאַרלויף פון יאָר פאַרלאָזן אויף אייביק, וואָס די צאָל קראַנקע און אַזעלכע, וואָס זענען געצווונגען צוליב זייער עלטער און געזונט־צושטאַנד צו פאַרלאָזן פאַריז און צו באַזעצן זיך אין די וואַרעמע געגנטן, — איז דאָך די צאָל אָנוועזנדיקע אויף דער פאַרזאַמלונג געווען נאָך אַ גרעסערע ווי פאַראַיאָרן. דער גרויסער זאַל פון דער מערי איז געווען איבערפולט.

נאָכפאָלגנדיק דעם פאַרלויף פון דער פאַרזאַמלונג האָט מען געקאָנט פעסטשטעלן:

— דעם ענטוזיאַזם און שטאָלץ פון די אָנוועזנדיקע פון די דערגרייכונגען פון אונזער פאַרבאַנד. דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די אַפּלאָדיסמענטן מיט וועלכע עס זענען אויפגענומען געוואָרן דאָס איינלייטונגס־וואָרט פון פרעזידענט פון פאַרבאַנד און די פאַרשידענע אַרויסטרעטונגען;

— דעם ווילן פון אייניקייט, פון טאָלעראַנץ און פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע יעדער איינער פילט פאַרן גורל פון דער אָרגאַניזאַציע;

— דעם דראַנג פון אַלעמען אויפצוהאַלטן און צו פאַרשטאַרקן די שיינע אינסטיטוציע, וועלכע פאַרנעמט אַזאַ בכבודיק אָרט אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פראַנקרייך.

**
*

די פאַרזאַמלונג האָט געעפנט דער פרעזידענט פון פאַרבאַנד ב. פּאָנס, וועלכער האָט ביזן סוף אָנגעפירט מיט די דעבאַטן. דעם טעטיקייט־באַריכט האָט אָפּגעגעבן דער גענעראַל־סעקרעטאַר, איזי בלום. אין פראַנצויזישן טייל פון אונזער צייטונג, אויף זייט 2, וועלן אונזערע לייענער געפינען ברייטע אויסצוגן פון זייערע רעדעס. דעם פינאַנציעלן באַריכט האָט אָפּגעגעבן דער וויצע־קאַסירער א. גארבאזש. דער פאָרזיצער פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע גערשטנער האָט באַשטעטיקט דעם באַריכט.

אין נאָמען פון דער סעקציע אין סען־קאַנטען האָט באַגריסט די פאַרזאַמלונג פריינט גלאָוויטשאָווער און אין נאָמען פון דער סעקציע ניס־קאָט־ד׳אַזיר — ד״ר זשיטנער.

פאָלגנדיקע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט זענען אַרויסגעטרעטן אין נאָמען פון פאַרשידענע אַרבעט־קאָמיסיעס ביים צענטראַל־קאָמיטעט. שטאַבאָוויטש האָט גערעדט וועגן דער טאָמבאָלאַ. ג. שולץ וועגן דער סאָציאַלער טעטיקייט, ש. אַפּעל וועגן דער אָנדענק־צערעמאָניע אויף באַניע, א. בעלער וועגן אַפּרו־הויז אין לעווענס, אַרטענשטיין וועגן „מיטיעל״ ביים פאַרבאַנד, מ. שוסטער וועגן אונזער יובל־בוך. אין דער דיסקוסיע זענען נאָך אַרויסגעטרעטן די פריינט קאַרטשמער, פאַרבער און וואַזשעמאַן.

דעם אינהאַלט פון די אַלע אַרויסטרעטונגען ברענגען מיר אויף דער זייט 6 פון דער צייטונג.

נאָכן אָננעמען איינשטימיק די רעזאָלוציע פאָרגעשטעלט דורך ח׳ יוסף פרידמאַן און די וואַלן פון נייעם קאָמיטעט האָבן די פאַרזאַמלטע פאַרבראַכט אָנגענעם אַרום דעם בופעט, ווו עס איז סערווירט געוואָרן אַ גלעזל משקה.

צופרידענע פון די דערגרייכונגען פון זייער באַליבטער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך קונה שם געווען אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פראַנקרייך, האָבן די פאַרזאַמלטע זיך געווונטשן זיך צו טרעפן איבעראַיאָר אויף דער נאָענטסטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג מיט אַ נאָך שענערן בילאַנס.

## די אָפּגעשטימטע רעזאָלוציע

די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון יידישן קאָמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד פון 1־טן אַפּריל 1973:

באַשטעטיקט די טעטיקייט — און פינאַנציעלן באַריכט פון דער פאַרזאַמלונג פאַרן יאָר 1972;

די פאַרזאַמלונג אַפּראָבירט דעם אָנטייל פון פאַרבאַנד אין די אַקציעס פון די געאייניקטע פראַנצויזישע קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס פאַר די רעכט פון אַלע געוועזענע קאָמבאַטאַנטן און קריגס־קרבנות און באַאויפטראַגט דעם נייעם קאָמיטעט פאָרצוזעצן דעם קאַמף און צו פאַרבלייבן ענג געבונדן מיט דער גרויסער קאָמבאַטאַנטן־משפחה אין לאַנד;

די פאַרזאַמלונג דריקט אויס איר סאַטיספאַקציע מיט דער אַנטוויקלטער סאָציאַלער טעטיקייט פון פאַרבאַנד און מיט דער דערפאָלגרייכער פונקציאָנירונג און דער כסדרדיקער אויסבעסערונג פון אונזער אַפּרו־הויז אין לעווענס;

❦

די פאַרזאַמלונג באַגריסט דעם אָנטייל פון פאַרבאַנד אין אַלע איניציאַטיוון, וואָס זענען געוואָרן אונטערגענומען אינעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם אין פראַנקרייך און אומעטום און אונטערשטרייכט, וועלכן שלייער זיי זאָלן זיך נישט מאַניפעסטירן. זי באַאויפטראַגט די נייע פאַרוואַלטונג ווייטער צו שטיין אויף דער וואַך אין דער פאַרטיידיקונג פון די יידישע אינטערעסן.

❦

זי נעמט צו קענטעניש אַלץ, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן דורכן פאַרבאַנד קעגן דער אויפלעבונג פון נאַציזם און קעגן לאָזן אויף דער פריי, 28 יאָר נאָך דער מלחמה, צאָלרייכע קריגס־פאַרברעכער וואָס געפינען זיך אַזוי גוט אין דייטשלאַנד, ווי אויסער אירע גרענעצן און באַאויפטראַגט דעם נייעם קאָמיטעט פאָרצוזעצן מיט נאָך מער עקשנות דעם דאָזיקן קאַמף און גאָר באַזונדערס פאַר אויסליפערן קלאַוז באַרבי פון באָליוויע און פאַר שטעלן פאַר אַ נייעם געריכט דעם געוועזענעם מיליץ־שעף פון ליאָן, טוּוויע.

טריי די טיפע שלום־שטרעבונגען פון די געוועזענע יידישע פראָנט־קעמפער דריקט אויס די פאַרזאַמלונג איר גרויסע צופרידנקייט מיטן פאַרענדיקן ענדלעך די גרויזאַמע מלחמה אין וויעטנאַם, מיט דער נייער ווענדונג אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע לטובת דער קאָעקזיסטענץ און מיט דעם שלום־קלימאַט, וועלכער איז מסוגל זיך גינסטיק אויסצווירקן אויף די שלום־פּערספּעקטיוון צווישן מדינת־ישראל און אירע אַראַבישע שכנים.

❦

געטריי דער טראַדיציע פון אונזער פאַרבאַנד ווירדיק צו באַערן דעם אָנדענק פון אונזערע העלדן און מאַרטירער, רופט די פאַרזאַמלונג אַלע אונזערע חברים, ווירדיק אָפּצומערקן דעם 30־טן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

זי רופט זיי צו קומען צאָלרייך צו דער פלאַם־צערעמאָניע אונטערן אַרק־דע־טריאָמף דעם 10־טן מאַי און צו דער יערלעכער צערעמאָניע פון אונזער פאַרבאַנד אויף באַניע דעם 3־טן יוני.

❦

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אַדורכגעדרונגען מיט אַ טיפער זאָרג פאַרן קיום און זיכערקייט פון ישראל, שיקט איבער דער מדינה, צו איר 25־טן יאָרטאָג, דעם אויסדרוק פון אירע סאָלידאַריטעט־געפילן און די וואַרעמסטע ווונטשן פון שלום און וווילשטאַנד. די פאַרזאַמלונג אַפּראָבירט דעם באַשלוס פון קאָמיטעט צו פאַרגרעסערן די יערלעכע שפּענדונג פאַר ישראל.

זי רופט די מיטגלידער אַקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דער טאָמבאָלאַ־אַקציע בכדי זי זאָל געקרוינט ווערן מיט אַ גרויסן דערפאָלג.

זאָל דער גייסט פון אייניקייט און ברידערלעכקייט, וואָס איז געשמידט געוואָרן אינעם קאַמף און אין די געמיינזאַמע ליידן, ווייטער הערשן אין אונזערע רייען אין די אינטערעסן פון די געוועזענע יידישע קאָמבאַטאַנטן און פון גאַנצן יידישן ישוב.

## 30 - טער יארטאג פון העראאישן — אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא

לייען זייט 5 אַרטיקל פון פּראָפעסאָר ט. גראַל

## אין וועלט־פארבאנד פון ״ידישע אנטי־נאצי־קעמפער און קאצעטלער

סוף פעברואַר איז אין תל־אביב פאָרגעקומען די ערשטע סעסיע פונעם ראַט פון דעם וועלט־פאַרבאַנד פון יידישע אַנטי־נאַצי־קעמפער און קאַצעטלער.

דער פאַרבאַנד איז געגרינדעט געוואָרן אין מערץ 1970 אויף אַ זייער אימפּאָזאַנטן קאָנגרעס פון אַ וואָך צייט אין ירושלים און תל־אביב אין דער אָנוועזנהייט פון וויכטיקע פּערזענלעכקייטן און פון אַרום 300 דעלעגאָטן פון געוועזענע יידישע פראָנט־קעמפער, פּאַרטיזאַנער, געטאָ־קעמפער, קאַצעטלער און קריגס־קרבנות, וועלכע זייַנען היינט צעשפּרייט אין אַ 15 לענדער פון אַלע קאָנטינענטן.

דער קאָנגרעס אויף וועלכן אונדזער פאַרבאַנד איז געווען פאַרטרעטן דורך אַ צאָלרייכע דעלעגאַציע האָט זיך געהאַט געשטעלט אַלס גרונט־אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די הונדערטער טויזנטער חברים אין איין גרויסן שטאַרקן פאַרבאַנד, וועלכער זאָל האָבן דעם כח און איינפלוס אין קאַמף קעגן נעאָ־נאַציזם, פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם אין דער גאַנצער וועלט, פאַר אַ געהעריקע באַשטראָפונג פון מלחמה פאַרברעכער, פאַר נישט לאָזן פאַרגעסן די יידישע טראַגעדיע און אַרויסהייבן די יידישע גבורה בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה, פאַר די ספּעציפישע רעכטן פון קריגס־אינוואַלידן און קריגס־קרבנות אאַ״וו.

ער האָט לסוף געוויילט אַן עקזעקוטיווע (אונדזער פאָרשטייער: יוסף פרידמאַן) און אַ וועלט־ראַט (אונדזערע פאָרשטייער: ב. פּאָנס און איזי בלום) — ביידע מיט אַ זיץ־אָרט אין תל־אביב, באַאויפטראָגט דורכצופירן די אַלע אויפגאַבן.

צו דער איצט פאָרגעקומענער סעסיע פונעם וועלט־ראַט (ווו מיר זייַנען געווען פאַרטראָטן דורך די ח.ח. יוסף פרידמאַן און שוסטער) זייַנען געקומען פאָרטרעטער פון פיל לענדער ווי פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע, בראַזיליע, אורוגוואַי, מעקסיקע, און, נאַטירלעך ישראל, ווו 8 גוט אָרגאַניזירטע פאַרבאַנדן מיט שווערע צענדליקער טויזנטער פון געוועזענע פּאַרטיזאַנער, געטאָ־קעמפער, קריגס־אינוואַלידן און קאַצעטלער, קאָאָפּערירן אין פריינטשאַפט פאַר געמיינזאַמע צילן.

דער וועלט־ראַט האָט אונטערגעפירט אַ סך־הכל פון 3 יאָר אָרגאַניזאַציאָנעלער אַקטיוויטעט און פעסטגעשטעלט, אַז דעם פאַרבאַנד איז געלונגען צו ווערן אַ קאָנסאָלידירטער איינפלוסרייכער כח. אין ס׳רוב לענדער זייַנען די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס שוין פעדערירט. עס בלייבט צו פאַרענדיקן די דאָזיקע אַרבעט אומעטום (אויך אין פראַנקרייך) בכדי צו קאָנען פּלאַנמעסיק דורכפירן דעם אָנגעמערקטן אַרבעטס־פּראָגראַם, וועלכער נעמט צווישן אַנדערן אַריין אַ ספּעציפישע פאַרלעגערישע טעטיקייט, טיילוויז אין קאָנטאַקט מיט „יד־ושם״.

פון אונדזער פאַרבאַנד קאָן דער וועלט־פאַרבאַנד דערוואַרטן אַ געהעריקע מיטאַרבעט.

י. פּ.

**רעזערווירט אייך די דאטע פון 3טן יוני 10,30 פרי כדי ביי צו ווינען די אנדענק־צערעמאניע**

לכבוד אונדזערע געפאַלענע און אומגעקומענע קעמפער וואָס קומט פאָר אויפן בית־עולם פון באַניע אונטערן ערן־פּאַטראָנאַזש פון ה׳ אַנדרע באָרד מיניסטער פון די געוועזענע קאָמבאַטאַנטן


N° 140 Avril 1973 (1)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# אונדזער אקציע אין לאגער פון פיטיוויע

שאיע אפעל

מיר ברענגען, אין צוזאמענהאנג מיטן 32־טן יארטאג פון די ערשטע אינטערנירונגען פון די יידן אין די לאגערן פון באן־לא־ראלאנד און פיטיוויע, די זכרונות פון ש. אפעל, וועלכע זענען געווען פארעפנטלעכט אין פראנצויזישן טייל פון אונזער יובל־בוך.

דעם 14־טן מאי 1941, בין איך אינטערנירט געווארן צוזאמען מיט ארום 1800 אנדערע יידן, אין קאנצענטראציע־לאגער פון פיטיוויע. אין צעטל, וואס מיר האבן באקומען פון דער פרעפעקטור איז געווען אנגעמערקט, אז עס האנדלט זיך וועגן א קאנטראל פון אונזערע אידענטיטעט־פאפירן. מיר זענען דעריבער געווען דערשטוינט און אויפגעבראכט געפינענדיק זיך הינטער די שטעכל־דראטן.

די געוועזענע פרייוויליקע און פראנט־קעמפער האבן נישט געקאנט איינהאלטן זייער כעס. וואס קומט דא פאר? מיר האבן געאפפערט אונזער לעבן פארן באדראטן פראנקרייך און אלס אויסדרוק פון אנערקענונג פארמאכט מען אונז אין א קאנצענטראציע־לאגער? אונזער צארן איז געווען נאך גרעסער, ווען מיר האבן זיך דערוווסט, אז די ווישי ־ פרעסע שטעלט אונז פאר אלס הענדלער פון שווארצן מארק, פרווונדיק אויף אזא אופן צו שטויסן קעגן אונז די פראנצויזישע עפנטלעכע מיינונג. מען דארף צוגעבן, אז א געוויסע צאל געוועזענע פראנט־קעמפער זענען צוגעפירט געווארן אין לאגער די הענט געשמידטע אין קייטן. אזא איז געווען דער פאל פון האפענטאל. אנגעקומען קיין פראנקרייך אלס 3־יאריק יינגל, האט ער פארגאכלעסיקט זיך צו נאטוראליזירן. אין 1939 האט ער זיך אנגאזשירט פרייוויליק. ער האט מיטגעמאכט די פראנט־קאמפן פון 1940 אלס סאלדאט פון 23־טן רעגימענט פון אויסלענדישע פרייוויליקע און באקומען דעם מלחמה־קרייץ (קרוא דע גער) פאר זיין העלדישקייט. אין לאגער איז ער אויסגעווילט געווארן אלס שעף פון דריטן באראק.

אין אנפאנג זענען די אינטערנירטע, אין זייער גרעסטער צאל געווען דעזאריענטירט. קיינער האט נישט געוווסט, וואס דער מארגן וועט ברענגען. מען האט אין אלגעמיין געוווסט וועגן גורל פון די דייטשע און עסטרייכישע יידן, אבער קיינער האט זיך נישט געקאנט פארשטעלן דעם גענאסיד, וואס די היטלעריסטן האבן געגרייט. כדי צו באקעמפן די אפאטיע און האפנונגסלאזיקייט איז געשאפן געווארן א געהיימע ארגאניזאציע. לאנגזאם האט זיך אויסגעבילדעט א מינדערהייט, וועלכע איז באשטאנען הויפטזאכלעך פון געוועזענע פראנט ־ קעמפער, וואס האבן אפגעווארפן דאס לעבן אין קאנצענטראציע־לאגער.

צווישן אונז זענען געווען קריגס־פארוואונדעטע, פענסיאנירטע, אפילו שווער־פארוואונדעטע. מיר האבן נישט געקאנט אויסהאלטן די דערנידעריקונגען. מיר האבן דעריבער באשלאסן צו פאדערן אונזער באפרייאונג אלס געוועזענע פראנט־קעמפער. מיר האבן אבער נישט געוווסט וויפל מיר זענען. א ספעציעלער עקיפ פון פארשטייער פון פארשידענע באראקן האט באקומען די אויפגאבע אדורכצופירן א ציילונג. דאס איז געווען א רעוואלוציע. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז אויף ארום 1800 אינטערנירטע זענען געווען 1300 פרייוויליקע, צווישן זיי 350 פראנט־קעמפער, דאס הייסט 75 פראצענט פון דער אלגעמיינער צאל אינטערנירטע. דער פארברעכן פון די נאציס און פון די ווישי־לייט איז געווען נאך מער א שרייענדיקער: זיי האבן באשטימט די פרייוויליקע און פראנט־קעמפער אלס די ערשטע קרבנות פון זייער אנטיסעמיטישער פאליטיק.

די דאזיקע פעסטשטעלונג האט נאך פארשטארקט אונזער ווידערשטאנד און דראנג צו פרייהייט. צווישן די אקטיוויסטן האבן זיך געפונען, צווישן אנדערע: לינק, וואקסבערג, גוטמאן, רענדעל, וואלד, נאטשיטש, סימאן זאנעליכט. איך האב פארגעסן די נעמען פון די איבעריקע.

די זשאנדארן, וואס האבן אונז געהיטן, האט די לאגער־אנפירונג דערציילט, אז מיר זענען אויסוורפן, הענדלער פון שווארצן מארק. מיר זענען דעריבער געווען געצוווגען זיי אויפצוקלערן, ווער מיר זענען. אזוי ווי יעדער פערזענלעכער קאנטאקט איז געווען באשווערט, האבן מיר באשלאסן צו טראגן אונזערע מיליטערישע אויסצייכענונגען.

א געוויסן טאג האט אן אונטערלייטענאנט פון דער זשאנדארמעריע אליין א קריגס־פארוואונדעטער — א היטער פון די „קרימינעלע", וועלכע מיר זענען געווען אין זיינע אויגן לויט די אינפארמאציעס, וועלכע ער האט באקומען — אדורכגעפירט אן אינספעקציע פון לאגער. אין דער ענפירמערי האט ער דערזען א שווער־פארוואונדעטן, די לונגען אדורכגעלעכערט פון קוילן און ער האט דערקענט אין דעם מענטש זיין שכן פון פראנט־שפיטאל! ער האט פארשטאנען. נאך דער אינספעקציע האט ער געבעטן, אז אלע קריגס־פארוואונדעטע זאלן אים איבערגעבן זייערע מיליטערישע דאקומענטן, כדי ער זאל קאנען אינטערוועגירן לטובת זיי. עס איז אדורך א געוויסע צייט און דער אונטערלייטענאנט, נישט האבנדיק באקומען קיין שום רעזולטאט, האט אונז צוריקגעגעבן די דאקומענטן.

מיר האבן באשלאסן אליין ווייטער צו מאכן די נויטיקע אנשטרענגונגען. מיר האבן באלייגט אין ביורא א ליסטע פון 51 נעמען. אויסער 48 נעמען פון קריגס־פארוואונדעטע האבן זיך אויך געפונען צוויי פון שווער־קראנקע און איין נאמען פון א פאטער פון זעקס קינדער. דאס האט נישט געפעלן דעם לאגער־קאמענדאנט. ער האט פארעפנטלעכט א פאראָרדענונג, אין וועלכער ער האט געשריבן צווישן אנדערן, אז „צוליב דעם אויפברויז, וואס די פארשטייער פון די געוועזענע פראנט־קעמפער האבן ארויסגערופן", באשליסט ער צוצונעמען ביי זיי דעם באקומענעם דורך אים מאנדאט און „פון היינט אן וועלן בלויז די שעפן פון די באראקן האבן דאס רעכט צוצושטעלן ידיעות נוגע די געוועזענע קאמבאטאנטן".

אין דעם מאמענט האב איך, צוזאמען מיט מיין פריינט גאלדבערג, באשלאסן צו אנטלויפן פון לאגער. אויב אלע אונזערע אנשטרענגונגען גיבן נישט קיין רעזולטאט, האב איך נישט געזען קיין אנדערן אויסוועג.

אין מאנאט אויגוסט האט די לאגער־אנפירונג אונטערגענומען שריט מיטן ציל צו צעברעכן דעם ווידערשטאנד, וועלכער האט זיך כסדר אנטוויקלט אין לאגער. זי האט באגרענעצט די קארעספאנדענץ און די צאל פעקלעך, וואס מיר האבן באקומען פון אונזערע משפחות. מיר האבן פראטעסטירט, איבערגעבנדיק א בריוו אין דער פראגע דעם פרעפעקט פון לוארע־דעפארטאמענט.

דעם 15־טן אויגוסט, אויב איך בין מיך נישט טועה, האט דער פרעפעקט ארויסגערופן אלע שעפן פון די באראקן. איך האב צוזאמען מיט נאטשיטש, אנטיילגענומען אין דער דעלעגאציע. די שעפן פון די באראקן זענען אריין צו ערשטע, ווען זיי זענען צוריק ארויסגעקומען, האב איך באמערקט, אז עס פעלן דריי מאן. דאס זענען געווען: ביבערגאל, פעפער און פוקס. זיי זענען אוועקגעשיקט געווארן אין קאנצענטראציע־לאגער פון שאטאבריאן. בלויז ביבערגאל איז שפעטער באפרייט געווארן.

מען האט מיך אריינגערופן אין ביורא, ווו דער פרעפעקט האט זיך געפונען.

— איך בין א דעלעגאט פון די געוועזענע קאמבאטאנטן — האב איך אנגעפאנגען.

אבער דער פרעפעקט האט מיר איבערגעריסן:

— דא זענען נישט פאראן קיין „דעלעגאטן". רעדט אין אייער נאמען.

איך האב געפרעגט צוליב וואס מען האלט אונז אין לאגער און אויף ווי לאנג.

— איך ווייס נישט. דאס איז נישט אפהענגיק פון מיר — האט דער פרעפעקט געענטפערט.

איך האב געפאדערט די באפרייאונג פון די אינטערנירטע, אין דער ערשטער ריי, די מלחמה־פארוואונדעטע, ווי אויך אפשיקן די קראנקע אין א שפיטאל.

— עס זענען פאראן אין לאגער קריגס־פארוואונדעטע? — האט דער פרעפעקט געפרעגט דעם דאקטאר, וועלכער האט בייגעוווינט דעם צוזאמענטרעף (ער האט געמאכט אן אנשטעל, אז ער ווייסט נישט דערוועגן).

מען האט מיך ארויסגעפירט. נאך א געוויסער צייט האט מען מיך צוריק אריינגעפירט אין ביורא און דער פרעפעקט האט דערקלערט, אז ער האט אפגעשאפן די באגרענעצונג פון דער קארעספאנדענץ.

דעם 23־טן אויגוסט, אויפן אפעל, האט מען דערקלערט, אז 51 קריגס־פארוואונדעטע און קראנקע וועלן באפרייט ווערן. איך האב זיך געפונען צווישן זיי.

א סך אינטערנירטע האבן מיר געגעבן בריוו צו די משפחות, וועלכע האבן נישט געדארפט אדורכגיין דורך דער צענזור, וואס טון? איך האב זיי אריינגעלייגט אין א וואליזע און ווען איך בין אנגעקומען צום טויער, האב איך אוועקגעשטעלט די וואליזעס און דערקלערט דעם וועכטער, אז איך וויל זיך געזעגענען מיטן לאגער־קאמענדאנט.

מען האט מיך אריינגעלאזט. „איך וועל פארזעצן דעם קאמף פאר פראנקרייך" — האב איך אים דערקלערט, צווישן אנדערן.

פארלאזנדיק די ביורא פון קאמענדאנט האב איך געזאגט צו די היטער:

— דער קאמענדאנט לאזט מיך אדורך. זיי האבן מיך אדורכגעלאזט, נישט רעווידירנדיק די וואליזעס.

נאך מיין באפרייאונג בין איך געוווויר געווארן, אז אונזער אינטערנירונג האט ארויסגערופן א גרויסן רושם אין דער געזעלשאפטלעכקייט. די אומלעגאלע פרעסע, ווי אויך די ראדיאס פון די לענדער, וועלכע האבן געפירט די מלחמה קעגן היטלער ־ דייטשלאנד האבן געטאדלט דייטשלאנד און די ווישי־קאלאבאראטארן. פעטען איז געווען געצוווגען צו מאכן א זשעסט.

נאך מיין באפרייאונג פון פיטיוויע בין איך אוועק אין דער דרום־זאנע, ווו איך האב פארגעזעצט מיין קאמף פאר דער באפרייאונג פון פראנקרייך.

קינא

# „א טרער אין אקעאן"

## א דראמאטיש־פסיכאלאגישער פילם וועגן ווידערשטאנד פון א יידיש וואלינער שטעטל אין דער עפאכע פון ווארשעווער געטא

נאך לאנגע שוועריקייטן, האט דער פילם רעאליזירט דורך אנרי גלאזער, וועמענס פאטער אן אנגעזעענער יידישער געזעלשאפטלעכער טוער איז דערשאסן געווארן דורך די נאציס, ענדלעך געפינען א פאר זאלן, כדי די פאריזער זאלן אים קאנען זען.

עס האנדלט זיך אין א „טרער אין אקעאן", לויטן ראמאן פון מאנעס שפערבער; א פילם אין וועלכן עס ווערט ארויסגעהויבן דער קאמף פון א יידישער ווידערשטאנד־גרופע פון א וואלינער שטעטל, אין דער עפאכע פון ווארשעווער געטא.

דאס איז געווען א יידיש שטעטל, בארימט מיט זיינע טעפיך־אויסארבעטונגען. דער רבי האלט נאר פון תפילות אלס פארטיידיקונגס־מיטל, בעת דער עסטרייכישער יידישער דאקטאר עדי רובי, וועלכער קומט אן אין שטעטל, נאכדעם ווי ער איז אדורכגעפארן גאנץ איראפע אין א נאציישן אוניפארם, שטעלט זיך קעגן דעם דאזיקן פאטאליזם.

ער ארגאניזירט א גרופע פון 29 פארטיזאנער, דערונטער דעם יונגן זון פון רבי, איידער די דייטשן און פארקויפטע אוקראינער וועלן אומברענגען די גאנצע קהילה בראש מיטן רבין.

די גרופע יידן וועלן תיכף צוזאמען מיט די פוילישע פארטיזאנער וועלכע יאגן זיך נאך זיי אונטער דער קאמאנדא פון די דייטשן. אבער די 28 יידן מוזן אויסרעכענען אויף זיך אליין, ווייל די פוילישע פארטיזאנער־אפטיילונג, ווייל אויך נישט לאזן לעבן די יידן.

די סאלדאטן נוצן אויס די אפוועזנהייט פון זייער שעף גראף שארבעק, זייער א סימפאטישער פערסאנאזש, מיט וועלכן ד"ר רובי, וואס האט אים געקענט פון פאריז האט זיך פארבונדן און ווילן זיך נוקם צו זיין אין אט די יידישע ווידערשטענדלער.

אנרי גלאזער, הגם ער איז געבליבן טריי דעם שרייבערס איינשטעלונג, האט זיך באמיט אויסצומיידן דאס פאטעטישע און מיסטישע, וואס איז פאראן אין מאנעס שפערבערס ראמאן. דאס איז א טיף דראמאטישער און פסיכאלאגישער פילם, אין וועלכן עס ווערן געשילדערט אויף זייער א פיינעם אופן די זייער קרעפטיקע פערסאנאזשן.

„א טרער אין אקעאן", וואס ווערט גראד געוויזן אין די אפריל־טעג, 30 יאר נאכן הערואישן אויפשטאנד פון ווארשעווער געטא, איז אויך א זייער שיינער פילם. אנרי גלאזער, וועלכער האט רעאליזירט דעם פילם אין עלזאס האט גוט געטאן וואס די העלדן רעדן פראנצויזיש, דאס דערמעגלעכט, אז וואס מער פראנצויזן זאלן זיך באקענען מיטן אומקום פון די יידן אין פוילן.

די ארטיסטן (אנרי גלאזער אויך אין דער ראל פון רבינס זון) שפילט איינפאך און גוט.

א פילם וואס מען דארף גיין זען.

# די פארזאמלונג פון „מוטיעל"

אויך דאס מאל איז דער גרויסער זאל פון פארבאנד געווען צו קליין אויפצונעמען אלע מיטגלידער און פריינט, וועלכע זיינען געקומען זונטיק דעם 18־טן מערץ אויף דעם יערלעכן משפחה־צוזאמענטרעף פון „מוטיעל".

אונדזער פרעזידענט פערסטונסקי עפנט די פארזאמלונג און באגריסט אלעמען און באזונדערס די מיטגלידער, וואס קומען דאס ערשטע מאל.

נאכן אפגעבן כבוד מיט א מינוט שטילשווייגן אונדזערע פארשטארבענע מיטגלידער גיט פערסטונסקי אן איבערבליק איבער די געשעענישן אין די לעצטע חדשים וועגן די פראבלעמען אין לאנד און גאר באזונדערס אין יידישן לעבן. ער דערמאנט מיט ווייטאק די קרבנות פון לוד און מינכען, דריקט אויס זיין צופרידנקייט מיטן פארענדיקן פונעם קריג אין וויעטנאם און ווינטשט, אז עס זאל קומען וואס גיכער א שלום צווישן ישראל און די אראבישע שכנים. אויך מערקט ער אפ דעם קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם, וואס אונדזער פארבאנד פירט.

דער עיקר־טייל פון זיין איבערבליק איז געווען געווידמעט אונדזער טעטיקייט. מיר זיינען א משפחה פון 250 נפשות און דאס פאדערט א געוואלדיקע אנשטרענגונג פון קאמיטעט. כדי דורכצופירן אלע ארבעטן. זייער אפט פאלט די גאנצע ארבעט אויף די זעלבע פארוואלטונגס־מיטגלידער. ער מאכט דעריבער א רוף צו די נייע מיטגלידער, זיי זאלן אריין אין דער פארוואלטונג און מיטארבעטן מיט אונדז.

נאך א קליינעם איבערייס בעט אונדזער פרעזידענט צו עפענען די פלעשער, טרינקען א לחיים און געניסן פון די שיין־געדעקטע טישן מיט די געבעקסן.

פארשידענע פראגן זיינען נאך געשטאנען אויפן טאג־ארדענונג, וועלכע האבן א שייכות צו אונדזער טעטיקייט און גאר באזונדערס די סאציאלע־טעטיקייט און די ארבעטן אויף באניע.

אונדזער קאסירער פעלדמאן, גיט אפ דעם קאסע־באריכט, וואס ווערט באשטעטיקט דורך דער קאנטראל־קאמיסיע. ער שטעלט זיך אפ באזונדערס אויף די פינאנציעלע שוועריקייטן, אויף וועלכע מיר טרעפן זיך אן ביים ענדיקן די ארבעטן אויף באניע — מיר דארפן יעצט ביי 60.000 נייע פראנקן. ער לייגט פאר, אז די אלגעמיינע פארזאמלונג זאל זיך ארויסזאגן וועגן דעם ענין.

אין דער אלגעמיינער דיסקוסיע נעמען אנטייל פיל חברים און עס ווערט איינשטימיק באשלאסן, אז יעדער מיטגליד פון „מיטיעל" באשטייערט זיך מינימום מיט 100 פר.

נאכן אננעמען די דאזיקע באשלוסן לייגט דער פרעזידענט פאר די ליסטע פון די פארוואלטונגס־מיטגלידער. עס ווערן אויסגעווילט:

פערסטונסקי, סאסעוויטש, ארטענשטיין, פעלדמאן, גוטענשטיין, סקילאק, שולמאן, הייטמאן, אווישער, דיאמענט און די פרויען: ארטענשטיין, גוטענשטיין, שולמאן, סאר און קוויאט.

פ. ארטענשטיין

# דער ווערט פון פונקט פאר פענסיאנירטע

דער ווערט פון פונקט פאר פענסיאנירטע קריגס־קרבנות איז געהעכערט געווארן אין יאנואר 1973 אויף 12,75 פראנק.

א ווייטערדיקע העכערונג פון 1,5 פראצענט איז פארויסגעזען אויפן 1־טן יוני. זיין ווערט וועט דעמאלס אויסמאכן 12,76 פראנק.

אויף אקטאבער ווערט פארויסגעזען א העכערונג פון 1,25 פראצענט און דער ווערט פון פונקט וועט דעמאלס באטרעפן 13,03 פר.

צום סוף דארף אין דעצעמבער פארקומען א נייע העכערונג פון 1,75 וואס וועט דערפירן דעם ווערט פון פונקט צו דער הויך פון 13,25 פראנק.

די אנשטרענגונגען פון די קאמבאטאנטן־ארגאניזאציעס לטובת א גערעכטער אנווענדונג פון „ראפארקאנסטאן", קאנען אריינברענגען ענדערונגען אין די דאזיקע פארויסזאגונגען.



N° 140 AVRIL 1973 (2)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# די אינטערוועגצן אויף דער אלגעמיינער פאַרזאַמלונג

## א. גלאַוויטשאַווער

פּרעזידענטפון אונזער סעקציע אין סען־קאַנטען:

עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד צו באַגריסן אונזער אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג.

די סעקציע פון סען קאַנטען פאָלגט נאָך מיט גרויס אינטערעס די טע־טיקייט, וועלכע איר אַנטוויקלט לטו־בת די יידישע קאַמבאַטאַנטן און מל־חמה־קרבנות.

מיר זענען זייער פילבאַר אויפן פאַקט, וואָס אונזער פאַרבאַנד גרו־פירט אין זיינע רייען געוועזענע פראַנט־קעמפער אָן אונטערשייד פון אַנשויאונגען און פּאָליטישע ריכטונ־גען. דאָס איז אין די אינטערעסן פון די קאַמבאַטאַנטן.

אונזער סעקציע פון סען־קאַנטען, כאָטש אין צאָל אַ קליינע, אַנטוויקלט אָבער אַ סיסטעמאַטישע טעטיקייט און לאָזט הערן איר שטימע, ווען די אינטערעסן פון אונזער ישוב פאַר־לאַנגען דאָס.

מיר אָרגאַניזירן יעדעס יאָר אַ פייערלעכע צערעמאָניע צום יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער גע־טאָ, אויף וועלכער עס זענען אַנוועזנד אַלע יידן פון סען־קאַנטען און אין וועלכער עס באַטייליקן זיך אַלע ווי־דערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס פון דער געגנט. די פּרעסע גיט אָפּ דער גע־שעעניש אַ בכבודיקן פּלאַץ.

איך דריק אויס דעם ווונטש, אַז אונזער פאַרבאַנד זאָל נאָך אין פאַר־לויף פון לאַנגע יאָרן אַנטוויקלען איר ווירקזאַמע נוצלעכע טעטיקייט.

## ד"ר זשיטנער

פּרעזידענט פון דער סעקציע ניס־קאָט־ד׳אַזיר

ווי אַלע יאָר האָט אונזער סעק־ציע געהאַלטן פאַר איר חוב אויף האַיאָר צו שיקן איר פאַרשטייער אויף די אַלגעמיינע יערלעכע פאַר־זאַמלונג פון פאַרבאַנד. מיר געפינען זיך ווייט פון אייך, אָבער נאָענט מיטן האַרץ און געבינדן דורך אונ־זער געמיינזאַמער טעטיקייט לטובת די יידישע פראַנט־קעמפער און מל־חמה־קרבנות. מיר שאַצן ווי געהע־ריק אָפּ די עקזיסטענץ גופא פון אונ־זער פאַרבאַנד, וועלכער ווערט געאַכ־טעט אין אַלע יידישע קרייזן אין פראַנקרייך. מיר זענען אין אַ שטענ־דיקער פאַרבינדונג מיטן אַפּרו־הויז „לע לאַריע ראָז" אין לעוועגס.

צוליב זייער געזונט־צושטאַנד, אָדער עלטער באַזעצט זיך אַלץ אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער פון אונ־זער פאַרבאַנד אויף קאָט ד׳אַזיר. איך ווענד זיך צו זיי, אַז קומענדיק אין אונזער געגנט. זאָלן זיי זיך פאַר־בינדן מיט אונזער אָרגאַניזאַציע אין ניס, כדי צוזאַמען מיט אונז זיך צו באַשעפטיקן לטובת די יידישע פראַנט־קעמפער און מלחמה־קרבנות.

## שטאַבאַוויטש

אין נאָמען פון דער טאָמבאַלאָ־קאָמיסיע דערלויב איך מיר צו ציי־ען אייער אויפמערקזאַמקייט אויף דער ספּעציעלער באַדייטונג פון דער האַיאָריקער אַקציע.

ווי איר ווייסט, פלאַנצן מיר זינט לאַנגע יאָרןביימער אין יער הקדו־שים אין ישראל, צווישן אַנדערן, כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונ־זערע חברים, וועלכע זענען געפאַלן אויף די פראָנטן און אין דער רע־זיסטאַנס, אָדער אומגעקומען אין די סטאַלאַגן און טויט־לאַגערן.

אויף דעם צוועק איז באַשטימט אַ טייל פון דער הכנסה פון אונזער טאָמבאַלאָ.

ביזן היינטיקן טאָג האָבן מיר שוין געפלאַנצט ביי 30 טויזנט ביימער פאַר וועלכע מיר האָבן איינגעצאָלט זינט 1967 די סומע פון 17 מיליאָן 255 טויזנט אַלטע פראַנקן.

די האַיאָריקע טאָמבאַלאָ ־ אַקציע פאַלט זיך צענויף מיט די פייערונ־גען פון 25 יאָר עקזיסטענץ פון מדי־נת־ישראל. לאָמיר דעריבער טון אַלץ, כדי די טאָמבאַלאָ־אַקציע זאָל דאָס יאָר זיין אַ בעסערע, זי זאָל האָבן נאָך אַ ברייטערן פאַרנעם.

אונזער וואַלד וועט אויף דורות דערמאָנען די אַנשטרענגונג פון די יידישע קאַמבאַטאַנטן אין פראַנקרייך פאַר פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונזערע העלדן, ווי אויך צום גינסטן פון דער יידישער מדינה.

ווי באַקאַנט איז אַ טייל פון די איינקונפטן באַשטימט פאַר דער סאָ־ציאַלער טעטיקייט.

## ג. שולץ

וועגן אונזער סאָציאַלער טעטי־קייט דאַרפן מיר רעדן אויף אַלע אונזערע צוזאַמענטרעפן און בפרט אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

ביי אונזערע מיטגלידער דאַרף זיין איינגעקריצט אין געדאַנק, זיי דאַרפן זיין איבערצייגט, אַז אין פאַל פון אַ נויטווענדיקייט קאָנען זיי זיך ווענדן נאָך הילף צו זייער אָרגאַני־זאַציע.

מיט שטאָלץ קאָנען מיר פעסט־שטעלן, אַז אַ דאַנק דעם דינאַמיזם פון אונזער פאַרבאַנד, זיין איינהייט־כאַראַקטער און דער איבערגעגעבנ־קייט פונעם אַקטיוו — האָבן מיר היינט סאָלידע מעגלעכקייטן צו פירן אַ פאַרצווייגטע סאָציאַלע טעטיקייט. עס פעלט אונז אויך נישט דער גו־טער ווילן.

מיר שטיצן אויף אַ פּערמאַנענטן אופן, אָדער פּעריאָדיש, אָפּהענגיק פון פאַל. מיר באַזוכן קראַנקע חב־רים און שיקן פּעקלעך ווו מען דאַרף, אויך צו קינדער פון אונזערע מיט־גלידער, וועלכע מאַכן זייער מילי־טער־דינסט.

אין שוואַכקייט — מיר קאָנען נישט אַלע פאַלן, ווו עס איז נויטיק אַ הילף. נישט אַלע אונזערע מיט־גלידער איז באַקאַנט אונזער טעטי־קייט, אָדער זיי פאַרגעסן, אָדער עס איז זיי אומבאַקוועם צו קומען צו אונז, ווען זיי נויטיקן זיך אין הילף.

מיר ווענדן זיך דעריבער צו אַלע אַנוועזנדיקע אויף אונזער פאַרזאַמ־לונג מיט דער ביטע אונז מיטצו־טיילן טעלעפאָניש, שריפטלעך, אָדער מינדלעך וועגן אַלע נויט־פאַלן ביי חברים. מיר וועלן אייך דערפאַר זיין דאַנקבאַר, איר וועט אונז אַזוי אַרום העלפן אויסברייטערן אונזער טעטי־קייט.

## אַרטענשטיין

דער „מיטיעל" ביים יידישן קאַמ־באַטאַנטן־פאַרבאַנד געהערט צו די גרעסטע מיטואַליסטישע אָרגאַניזאַ־ציעס אין דער יידישער פּאַריזער גע־זעלשאַפטלעכקייט. מיר זענען אַ מש־פּחה פון 250 נפשות און אַ טייל פון קאַמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד.

אין 1972 האָט דער פאַרבאַנד אַרויסגעשיקט אַן אַנקעטע־בויגן צו אַלע מיטגלידער נוגע דעם „מיטיעל". עס האָבן זיך פאַרשריבן 30 נייע מיטגלידער.

אַ חוץ די צוויי קאַוואַס, וואָס מיר האָבן שוין פון לאַנג, האָבן מיר לעצ־טענס אויפגעבויט אַ דריטע. מיר האָבן שוין דערויף אויסגעגעבן ביי 100 טויזנט נייע פראַנק, און כדי די אַרבעטן צו פאַרענדיקן דאַרפן מיר נאָך אַרום 60 טויזנט נייע פראַנקן.

מיר פירן אויך אַ סאָציאַלע און קול־טורעלע טעטיקייט.

אַלע אונזערע מיטגלידער זענען פון אַ געוויסער עלטער. אַ טייל עלנד, אָן משפּחה, אָדער קראַנק. מיר באַזוכן זיי, מיר קומען שטענדיק מיט אַ פּעקעלע און מיט אַ גוט וואָרט, כדי צו לינדערן די איינזאַמקייט, אָדער די ליידן.

מיר אָרדענען אויך רעפעראַטן אויף אַלגעמיינע, מעדיצינישע, ליטע־ראַרישע, היסטאָרישע טעמעס.

## אי. בעלער

אונזער אַפּרו־הויז „לע־לאַריע־ראָז" אין לעוועגס האָט אַלץ אַ גרעסערן אָפּקלאַנג אין לאַנד. צווישן די 85 אַפּרו־הייזער, וואָס די קאָנ־טראָל־קאָמיסיע פון „סעקוריטע־סאָ־ציאַל" האָט צו קאָנטראָלירן און אי־בערוואַכן, ווערט אונזער אַנשטאַלט באַטראַכט אַלס אַ מוסטער. הן צוליבן קאָנפאָרט אין אויסשטאַטונג, הן צו־ליב דער מוסטערהאַפטער פירונג און דער פריינטלעכער ברידערלעכער אַטמאָספערע וואָס הערשט דאָרט.

ביים אָנהויב, ווען מיר האָבן באַ־שלאָסן, אַז דאָס הויז, וועלכעס איז רעזערווירט פאַרצוגלעך פאַר די יידי־שע געוועזענע קאַמבאַטאַנטן, וועט אויך אויפנעמען אַנדערע פּענסיאָ־נערן, יידן ווי נישט יידן, האָבן מיר זיך אַ ביסל געשראָקן. מיר האָבן זיך געשטעלט די פראַגע ווי אַזוי וועלן קענען צוזאַמענלעבן היגטערן זעלבן דאַך, זיצן ביי איין טיש, און פאַרברענגען צוזאַמען יידן און נישט יידן.

זינט דער דערעפענונג פון „לאַ־ריע ראָז" זענען אַדורך איבער אַכט יאָר. איבער פיר טויזנט פּערזאָן האָבן דאָרט אַדורכגעמאַכט זייער קאָנוואַ־לעסצענס. מיר האָבן שוין אַזוי אַרום אַ לאַנגע דערפאַרונג.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פאַרשידנאַרטיקייט פון מענטאַליטעט, פון טראַדיציעס, פון אָפּשטאַם האָבן מיט גאָרנישט נישט געשטערט דאָס האַרמאָנישע צוזאַמענלעבן פון אָט די אַלע מענטשן.

אויב עס זענען געווען צווישן די קאָנוואַלעסצענטן אַזעלכע, וואָס האָבן ביים אַהינקומען געהאַט געוויסע פאָראורטיילן, זענען זיי שנעל פאַר־שוווּנדן.

במשך פון די אַכט אָפּגעפלאָסענע יאָר האָט אונזער פאַרוואַלטונגס־קאָ־מיסיע אַדורכגעפירט פיל אַרבעטן, וועלכע האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו פאַרגרעסערן, צו פאַרשענערן דאָס הויז, עס זאָל זיין נאָך שענער, נאָך באַקוועמער.

אונזערע מיטגלידער זענען, מיט רעכט, שטאָלץ וואָס זייער קאַמבאַ־טאַנטן־פאַרבאַנד האָט אויפגעשטעלט אַזאַ וויכטיקע סאָציאַלע אינסטיטו־ציע.

## ש. אַפּעל

ווי אַלע יאָר, וועלן מיר אויך האַ־יאָר זיך פאַרזאַמלען, זונטיק, דעם 3־טן יוני, אויף באַניע, כדי אָפּצו־געבן כבוד אונזערע ברידער, גע־פאַלענע אויף די פראָנטן, ווי אויך אַלע יידן אין פראַנקרייך, וועלכע האָבן מקריב געווען זייער לעבן אין קאַמף קעגן די נאַצי־אָקופּאַנטן, אָדער זע־נען אומגעקומען אין די לאַגערן.

אונזער טראַדיציאָנעלע מאַניפעס־טאַציע איז אַ באַווייז, אַז מיר טראָגן אין האַרצן דעם אָנדענק פון די, וואָס האָבן מקריב געווען זייערע יונגע לעבנס אין קאַמף, כדי צו באַפרייען פראַנקרייך פון די נאַציס, די בלוט־טיקסטע שונאים פון אונזער פאָלק.

די האַיאָריקע מאַניפעסטאַציע טראָגט אַ באַזונדערס פייערלעכן כאַ־ראַקטער, ווייל מיר וועלן איינצייטיק אָפּמערקן די דאַטע פון 25־טן יאָר־טאָג פון אַוועקשטעלן אויף באַניע דעם הערלעכן מאָנומענט צום כבוד פון אונזערע געפאַלענע ברידער, וועלכער איז געוואָרן אַ זאַמל־פּונקט נישט נאָר פאַר אונז, נאָר אויך פאַר אַנדערע יידישע געזעלשאַפטן.

איך בין זיכער, אַז אונזערע מיט־גלידער וועלן דאָס ווי געהעריק אָפּ־שאַצן און קומען צאָלרייך דעם 3־טן יוני, כדי צו באַערן דעם אָנדענק פון אונזערע קאַמפס־חברים.

## מ. שוסטער

אונזער יובל־בוך „דער יידישער פרייוויליקער קעמפער 1945־1939" איז מער ווי אַ בוך. דאָס איז אַ וויכ־טיקער היסטאָרישער דאָקומענט, וואָס הייבט אַרויס אויף אַ גלענצנדיקן אופן אונזער פרייוויליקן אָנשלוס אין דער פראַנצויזישער אַרמיי אין 1939 און אונזער באַטייליקונג אין גיגאַנטישן קאַמף קעגן אונזער אַלעמענס שונא, דעם היטלעריזם און נאַציזם.

דאָס בוך אַנטהאַלט אינטערעסאַנ־טע אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען וועגן אָט דער גרויזאַמער און העראָישער עפּאָכע, וועגן קריג, וואָס מען האָט צוערשט באַצייכנט אַלס „דראָל דע גער", אַ שלל מיט דאָקומענטן, גבית־עדותן, זכרונות וועגן העראָישע אַק־ציעס נוגע די קאַמפן אויף די פראָנטן, וועגן ווידערשטאַנד, קריגס־לאַגערן א. א. מיט איין וואָרט דאָס איז אַן אמתער אוצר.

דאָס בוך שפּיגלט אויף אָפּ 25 יאָר טעטיקייט פון אונזער פאַרבאַנד לטובת די געוועזענע יידישע פראַנט־קעמפער.

די אָנפירונג פון פאַרבאַנד האָט פון איר זייט אַ סך געטאָן פאַרן פאַר־שפּרייטן דאָס בוך. עס זענען פאַר־קויפט געוואָרן קנאַפּע טויזנט בי־כער, אַנדערע הונדערטער זענען צע־שיקט געוואָרן אין אַלע וויכטיקע ביבליאָטעקן אין פראַנקרייך, ווי אויך צו יידישע ביבליאָטעקן און אינסטי־טוציעס אין אויסלאַנד.

איך ווענדע זיך פון דער טריבונע פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג צו יעדן אונזערן מיטגליד: צו האָסטו דערפילט דיין הייליקן חוב לגבי דעם יובל־בוך? צו האָסטו עס אין דיין ביבליאָטעק? צו האָסטו וועגן אים גערעדט מיט דיינע נאָענטע? און וואָס קאָן זיין שענער און בעסער ווי צו קויפן אַ בוך אַלס מתנה? און ווער פון אונז קויפט נישט אַ מתנה כאָטש איין מאָל אין יאָר?

## אַרום די געטאָ־פייערונגען אין פּאַריז

אונדזער פאַרבאַנד האָט צוגעשיקט דעם 14־טן מערץ צום אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון דער געטאָ־פייערונג, 14 רי דע פּאַראַדי, פאָלגנדיקן בריוו: חשובע פריינט:

מיר האָבן אייער בריוו פון 18טן יאַנואַר און 12־טן מערץ באַקומען און מיר האָבן מיט אחריות און דער נויטיקער ערנסטקייט באַטראַכט אייער ווענדונג אָנטיילצונעמען אינעם אָר־גאַניזירן פון דער פייערונג צום 30־טן יאָרטאָג פון העלדישן אויפשטאַנד, וועלכע ווערט צוגעגרייט דורך אייער קאָמיטעט.

צום באַדויערן קאָנען מיר אייך ניט געבן קיין פּאָזיטיוון ענטפער אויף אייער ווענדונג, ווייל מיר זיינען געבונדן מיט אַ באַשלוס לויט וועלכן אונדזער פאַרבאַנד נעמט נישט קיין אָנטייל אין אָרגאַניזירן פון קיין שום געטאָ־פייערונג אַזוי לאַנג ווי עס וועט אין פּאַריז נישט פאָרקומען אין איינ־הייטלעכע אַקאַדעמיע.

מיר באַדויערן זייער שטאַרק די סי־טואַציע אין די געגעבענע אומשטענדן, אָבער דער געפיל פון פאַראַנטוואָרט־לעכקייט דיקטירט אונדז צו רופן אונדזערע מיטגלידער זיך צו באַטיי־ליקן אין אַלע פייערונגען אויף וועלכע מיר וועלן ווערן איינגעלאַדן.

מיט פריינטשאַפט ־ גרוסן

דער סעקרעטאַריאַט

(סוף אַרטיקל ט. גראַל)

ראַנגל מיט די נאַצי־מערדער. זייער העראָיזם און ביישפּיל איז געוואָרן באַערט אויף ספּעציעלע קאַמפס־אָפּעלן אין די אָפּטיילונגען פון די פראַנצויזישע רעזיסטאַנס ־ קעמפער, אין די איטאַליענישע גאַריבאַלדי ־ איינהייטן, אין דער טיטאָ־אַרמיי. עס שרייבן דערוועגן היסטאָריקער און לעבעדיקע עדות.

אַזוי אַרום זענען די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ געוואָרן העלדן פון אַלע פעלקער פון דער גאַנצער מענ־טשהייט. דערפאַר אויך איז געפאַלן אויף די קני פאַר זייער דענקמאָל דער אַקטועלער קאַנצלער פון דער בונדעס־רעפּובליק, בראַנדט און גע־שעפּטשעט אַ תפילה.

די אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל אויף די חורבות פון דריטן רייך, נאָכן קרבן פון 6 מיליאָן פאַרשניטענע ברי־דער און שוועסטער, איז געווען דער תחית־המתים פון יידישן פאָלק. די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ זענען געקומען פון זייערע אומבאַקאַנטע קברים אויף דער גענעראַל אַסאַמב־ליי פון אָנ"ו אין 1947, ווען די פעל־קער פון דער וועלט האָבן איינשטימיק באַשלאָסן די אַנטשטייאונג פון דער אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה.

דעריבער איז ישראל נישט בלויז אַ יידישע מדינה, נאָר אַן אַקט פון מענטשלעכן געוויסן, וואָס האָט דער־הערט דעם מעכטיקן קאַמפס־רוף פון די וואַרשעווער בר ־ כוכבא העלדן, דעם רוף פון גאַנצן יידישן פאָלק, אויף וועלכן דער ברוינער פּאַשיזם האָט אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל פון טאָטאַלער פאַרניכטונג.

דעריבער אויך מוז קומען צו אַ דויערהאַפטן שלום און פרידלעכער צוזאַמענאַרבעט צווישן ישראל און זיי־נע שכנים פאַרן וווּל און פּראָגרעס פון אַלע פעלקער פון נאָענטן מזרח, פאַר שלום און פריינטשאַפט צווישן אַלע פעלקער און לענדער.



N°-140 Avril 1973 (3)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# 30־טער יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

פּראָפעסאָר ט. גראַל

פון פוילישע שטעט און שטעטלעך
הערט מען קיין ווײ־געשריי מער,
געפאַלן אין קאַמף די העלדן פון
וואַרשעווער געטאָ,
אין בלוט טינק איך די ווערטער
דאָס האַרץ אין ביטערן טרער,
פאַר אייך פוילישע יידן, אַ פוילי־
שער וואַנדער־פּאָעט...

(וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי „די פוילישע יידן”).

30 יאָר זענען אַריבער פון יענער שוידער־און העלדן־עפּאָפּיע, ווען די נאַצי־הענקער זענען צוגעטראָטן צו דער לעצטער ליקווידאַציע פון שרעקלעכסטן „פאַרמאַכטן טויט־קאַסטן” 1) אויף דער פוילישער ערד. און דאָך וועט קיין שום קראַפט נישט אָפּשוואַכן אין זכרון פון יידישן פאָלק און פון יעדן ייד באַזונדער, די געשיכטע פון „צווייטן בר־כוכבא־אויפשטאַנד”, וואָס איז אויסגעבראָכן אין אַפּריל 1943 אין וואַרשעווער געטאָ.

קיין שום פאָלק איז נישט אַדורך דעם גיהנום פון יידישן. און דאָס שטעלן פעסט פיל פוילישע שרייבער, דירעקטע עדות, אין זייערע ווערק פון יענע גרויל־טעג. זיי רעדן פון צוויי וועלטן: פון דער „אַרישער זייט”, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ מענטשלעכן אויסזען און פון געטאָ, וואָס איז געווען אַ גיהנום. דאָס האָבן נישט נאָר תּליונים, נאָר זייערע שותּפים, — דייטשישע געלערנטע, ספּעציאַליסטן פון אויגעניק און ביאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע און ראַסן־לערע און פּאַטאָלאָגיע, אויסגעאַרבעט דעם טייוולאַנישן פּלאַן פון טאָטאַלער פאַרניכטונג פון יידישן פאָלק.

דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין אָפּטויטן דעם ווילן פון לעבן און דערפירן די פאַרשפּאַרטע צו אַ צושטאַנד פון פולקאָמער רעזיגנאַציע.

אין ערגעץ האָט דער הונגער נישט אָנגענומען אַזעלכע שרעקלעכע פאַרמען. צענדליקער טויטע אויף די גאַסן פון געטאָ, צוגעדעקטע מיט צייטונגען, זענען געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אויב אין 1938 האָט די שטערבלעכקייט ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע, באַטראָפן 454 מאָנאַטלעך, דערגייט זי אין מאַי 1942 צו 5560 אַ מאָנאַט. זי שטייגט אויף 1400 פּראָצענט.

אין אַ דאָקומענט פון פוילישן אַרכיוו לייענען מיר: „די גאַסן פון געטאָ שטעלן פאָר אַ שרעקלעך בילד. ס'וואַלגערן זיך טויטע, קרבנות פון הונגער און עפּידעמיעס. מיר זעען געשוואָלענע קערפּערס, קינדער־סקעלעטן, באַדעקטע מיט קרעץ, וואָס ליגן אויף די גאַסן און צאַנקען. אַן אַרמיי פון קינדער־בעטלער יאָמערט ביי טאָג און ביי נאַכט”.

דעם שרעקלעכן הונגער האָט באַגלייט אַן עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס, אַרויסגערופן פון אַ גרויזאַמער ענגשאַפט, וועלכע איז דערגאַנגען אָפּטמאָל צו 15 מענטשן אין אַ צימער. און די פּערמאַנענטע טויט־ שרעק. דער טאָג־טעגלעכער יאָגד אויף מענטשן. די „לאַפּאַנקעס” (פאַרכאַפּונגען) פון מענער, פרויען און קינדער.

★

און דאָך האָט פּאַסירט דאָס, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אוממעגלעך די צום טויט־פאַרמשפּטע, פיזיש און גייסטיק דערשלאָגענע רעשטלעך פון אַ גרויסן יידישן קיבוץ 2), ציִען אַרויס אַלע מסקנות פון די פאַרלאָפענע גרויל־טעג און קומען צו אַ פעסטן באַשלוס: פאַראייניקן שנעל די צעשפּליטערטע כּוחות און אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד — קעמפן נישט נאָר פאַר דער רעטונג פון לעבן, נאָר אויך פאַר אַ מענטשלעכן, ווירדיקן טויט.

היסטאָריקער, פּסיכאָלאָגן און סטראַטעגן וועלן נאָך יאָרן אַנאַליזירן דעם אומגלויבלעכן הערויִזם פון די וואַרשעווער געטאָ־אויפשטענדלער. זיי וועלן דאַרפן ענטפערן אויף דער פראַגע, ווי אַזוי האָבן 800 זעלנער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און ביי 400 פון דער יידישער מיליטערישער פאַראייניקונג 3) באַוואָפנט אין פּיסטאָלעטן, גראַנאַטן, אויפרייס־פלעשער, עטלעכע ביקסן און גאָר דריי אויטאָמאַטן, געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן אין משך פון וואָכן און חדשים דער מעכאַניזירטער, מאָדערנער נאַצי־אַרמיי.

העכער 2 טויזנט זעלנער און אָפיצירן פון וואַפן־ס.ס., דריי ווערמאַכט־באַטאַליאָנען, 2 פּאָליציי־באַטאַליאָנען געשטאַרקטע מיט „אַסקאַרן” (אוקראַינישע און לעטישע הילפס־אָפּטיילונגען פון דער ס. ס.), מיט פוילישער גראַנאַט־פּאָליציי מיט אַוויאַציע און טאַנקן־בריגאַדעס מיט 7 טויזנט ספּעציעל מאָביליזירטע ס.ס.־מיטגלידער — און דאָס אַלץ אָנגעפירט פון מיליטערישע ספּעצן, ווי [illegible] ס.ס.־קאָלאָנעל זאַמער, און די ס.ס.־גענעראַלן יורגען סטראָפּ און שטומפּף. אָט דעם גרויזאַמען מיליטערישן כּוח האָבן די שוואַך־באַוואָפנטע געטאָ־אויפשטענדלער אַנטקעגנגעשטעלט זייער הייליקע שטרעבונג צו קעמפן און שטאַרבן ווי שטאָלצע יידן און בירגער.

די שטרעבונג האָט שפּעטער אויפגעכאַפּט און פאַראייביקט דער פוילישער גרויסער רעוואָלוציאָנערער פּאָעט וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי אין זיין ליד: „די פוילישע יידן”. ער שרייבט דאָרט:

„זין פון מכבייער! און איר קאָנט
באַווייזן צו שטאַרבן,
אויפנעמען אָן האָפענונג, אַ קאַמף,
וואָס גייט פון סעפּטעמבער”.

בראָניעווסקי האָט געזען אין די געטאָ־העלדן קינדער פון אַ פאָלק, וואָס איז אין אַלטערטום, אונטער דער אָנפירונג פון די חשמונאים אַרויס אין קאַמף קעגן די גריכיש־מאַקעדאָנישע אונטערדריקער, פאַר נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער פרייהייט. ער האָט אָבער אויך געזען אין זיי פוילישע פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן קאָנטינואירט דעם קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא, דעם בלוטיקן נאַציזם, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, ווען דער פוילישער זעלנער, האָט דער ערשטער אין אייראָפּע, זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם אָנפאַל פון דער היטלער־אַרמיי.

דער מאָמענט ווערט אונטערגעשטראָכן ביי פיל היסטאָריקער און דורך דער אָנפירערשאַפט פון געטאָ־אויפשטאַנד גופא. אין באַוווסטן אויפרוף צום פוילישן פאָלק פון 23־טן אַפּריל 1943, שרייבט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע:

„פּאָלאַקן! בירגער! פרייהייטס־סאָלדאַטן! ...ס'גייט אַ קאַמף פאַר אונזער און אייער פרייהייט! פאַר אייער און אונזער מענטשלעכן, געזעלשאַפטלעכן, נאַציאָנאַלן כּבוד און ווירדע... זאָל לעבן די פרייהייט! זאָל לעבן דער קאַמף אויף טויט און לעבן מיטן אָקופּאַנט!”

דערפאַר אויך האָבן אויף די געטאָ־הייזער, אין די טעג פון אויפשטאַנד, געפלאַטערט, אייניגע לעבן די אַנדערע, ווייס־רויטע און ווייס־בלויע פענער. דערפאַר אויך האָט אַזוי יידנשאַפטלעך געשריבן שפּעטער בראָניעווסקי אין זיין אויבן־דערמאָנטען ליד:

אָט, וואָס מען דאַרף איינקריצן
ווי אַ שטיין, אין פוילישן זכרון:
אונזער געמיינזאַמע היים האָט מען
צעשטערט און פאַרגאָסן בלוט אונז
ברודערט
ס'פאַראייניקט דער עקזעקוציע־
מויער, דאַכאַו, אַשוויענטשים
יעדער אומבאַקאַנטער קבר אין
יעדע תּפיסה־קראַטע”.

צי איז די הייליקע צוואה פון גרעסטן פוילישן רעוואָלוציאָנערן פּאָעט, געוואָרן פאַרווירקלעכט? צי האָט מען דאָס איינגעקריצט אין פוילישן זכרון?

★

דער הויפּט־פאַקטאָר, וועלכער האָט דערפירט צום אויפשטאַנד, איז געוואָרן די פאַרווירקלעכונג פון דער איינהייט פון אַלע אָן אונטערשיד פּאָליטישע שטרעמונגען. שפּעט איז זי צושטאַנדגעקומען. אויף אַ ריזיקער העקטאַמבע פון העכער 300 טויזנט דערמאָרדעטע שוועסטער און ברידער, 88 פּראָצענט פון דער גאַנצער געטאָ־באַפעלקערונג. ביי אַלע גרויזאַמע אומשטענדן, וועלכע האָבן טאָרמאָזירט די איינהייט, שטעלט זיך דאָך די פראַגע: צי האָט מען אַזוי לאַנג געדאַרפט אויף איר וואַרטן?

דער ענטפער באַווייזט, אַז אין אַלע אומשטענדן איז די איינהייט פון אונזער שווער־געפּרוווטן פאָלק דער וועג צו רעטונג פון אונזער קיום, נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן כּבוד. זי האָט נישט נאָר געשאַפן אַ כּוח, נאָר אויך געשאַפן אַ מאָראַלישן קלימאַט פון קעגנזייטיקער אַכטונג, פון גבורה און העכסטער מאָראַל. וועגן לעגענדאַרן הערויִזם פון די אויפשטענדלער רעדן אַמבעסטן די ראַפּאָרטן פון די נאַציִשע הענקער אַליין. אָט וואָס עס שרייבט „צו מיין פירער” דער הויפּט־ליקווידאַטאָר פון געטאָ, דער ס.ס.־גענעראַל יורגען סטראָפּ:

„16־יעריקע מיידלעך און יינגלעך שיסן אין אונזערע זעלנער מיט פּיסטאָלעטן פון ביידע הענט. זיי קעמפן פאַרביסן. קיינער גיט זיך נישט אונטער לעבעדיק”

„די יידן האָבן געשטעלט אַ מעכטיקן ווידערשטאַנד, זיי האָבן זיך פאַרטיידיקט ביזן לעצטן, באַשיסנדיק אונז. אין די לעצטע מינוטן נישט וועלנדיק אַריינפאַלן לעבעדיק אין אונזערע הענט, האָבן זיי זיך געוואָרפן פון די ברענענדע באַלקאָנען און פענסטער אויפן ברוק, וואָרפנדיק קללות אויף דייטשלאַנד, דעם פירער און זיינע סאָלדאַטן”.

וועגן דעם מאָראַלישן קלימאַט, קאָן עדות זאָגן דער פאַקט, רעלאַציאָנירט פון איינעם פון די געראַטעוועטע קעמפער — בערנאַרד באַרג, מיטגליד פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע:

„ס'איז די נאַכט פון 30־טן אַפּריל אויפן ערשטן מאַי. מיר באַערן דעם פּראָלעטאַרישן יום־טוב מיט אַן אָנגריף פון אונזערע קאַמפּס־גרופּן אויף די נאַציִשע פּאַטראָלן אויף דעם אָפּשניט לעשנאָ 76 - נאָוואָליפּיע 69. ס'פאַלן קרבנות פון ביידע זייטן. צומאָרגנס 8 אין דער פרי, אין זשאָ״ב בונקער אויף לעשנאָ 74 אַ „פּייערלעכע” מאַי־אַקאַדעמיע. 17 אָנוועזנדע האָבן זיך צוגעשפּילעט צו די קלאַפּעס רויטע בלימלעך, געמאַכט פון לייוונט. אַ רעפעראַט האָט געהאַלטן שאַכנאָ פיינגאָלד. זיינע ווערטער זיינען טיף אַריין אין דער נשמה און באַוווסטזיין. ער האָט געזאָגט: אונזער קאַמף וועט זיכער האָבן אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג, נישט נאָר פאַרן יידישן פאָלק, נאָר פאַר דער גאַנצער אייראָפּעיִשער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. מיט געווער אין האַנט האָבן מיר שטיל געזונגען: דאָס וועט זיין שוין דער לעצטער. און מיר האָבן געפילט, אַז ס'דערנענטערט זיך דער לעצטער קאַמף”.

ציוויאַ לובעטקין, די פרוי פון אַנטעק צוקערמאַן וואָס האָט זיך געפונען אין בונקער אויף מילאַ 18, ווו ס'איז געווען דער שטאַב פון אויפשטאַנד, מיט אַניעלעוויטש, פאַנדאַמינסקי, ראָזענפעלד, די גאַנצע אָנפירונג פון שומר הצעיר און פּ.פּ.ר. אין געטאָ, באַשרייבט דעם קלימאַט, וואָס האָט דאָרט געהערשט:

„די צונויפלעבונג פון שטאַב איז אַ פּראַכטפולע און דאַרף דינען אַלס ביישפּיל. אין מאָמענטן פרייע פון קאַמפּס־אויפגאַבן פירן די זשאָ״ב־מיטגלידער פּאָליטישע דיסקוסיעס, אַרומרעדנדיק אַקטועלע פּראָבלעמען. אָפּט זינגט מען, די קאָמוניסטן זייערע לידער, מיר אונזערע. און צוזאַמען דאָס אויפטרייסלענדע ליד „ס'ברענט” פון יעקב געבירטיג. מיר זינגען אויך העברעאישע לידער „פון דער בלאָנדזשענדער שיף” און דאָס ליד „מיר קומען אָן”.



מאָנומענט אויפן בונקער פון גענעראַל־שטאַב פון דער יידישער קאַמפּסאָרגאַניזאַציע.

★

ווי מיר ווייסן איז דעם 8־טן מאַי דער בונקער אויף מילאַ 18 געוואָרן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. די אויפשטענדלער האָבן אָפּגעוואָרפן אַלע אולטימאַטומס אונטערצוגעבן זיך. מיט אַ הוראַגאַן־פייער פון קוילן האָבן זיי געענטפערט אויף יעדן פּרווו צו דערנענטערן זיך פון די הענקער. די נאַציִשע מערדער האָבן דאַן זיך באַנוצט מיט גאַז־באָמבעס. דורך אַלע פינף פאַרמאַסקירטע איינגאַנגס איז אַריינגעלאָזט געוואָרן גאַז. מענטשן האָבן זיך גענומען שטיקן. ס'קומט פאָר אַ קורצע באַראַטונג און ס'ווערט אָנגענומען איינשטימיק אַ באַשלוס: קיינער גיט זיך נישט אונטער לעבעדיק. די לופּעס פון די פּיסטאָלעטן ווערן געווענדעט אין אייגענעם קאָפּ. „דער ערשטער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד לוטעק ראָטבלאַט, וועלכער האָט אויך געגעבן ציאַנקאַלי זיין מאַמע. אַניעלעוויטש, זיין פרוי, פאַנדאַמינסקי, אַנקיערמאַן, שפּאַנצער, ווילנער דערשיסן זיך” 4).

אָבער דער קאַמף האָט זיך ווייטער געצויגן. יעדער בונקער האָט געפּראַלט מיט פייער. דער שונא קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. דאָס געטאָ ווערט אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן, באָמבאַרדירט און אויפגעריסן הויז נאָך הויז. צווישן חורבות, ברענענדע ווענט, זענען געשפּרונגען יידישע קעמפער און געשאָסן אומגעריכט. די פוילישע צייטונג „גלאָס וואַרשאַווי” האָט געשריבן דעם 23־טן מאַי:

„טראָץ דעם אָנגריף וואָס דויערט שוין 6 וואָכן, באַנוצנדיק אַלע סאָרטן פון געווער, טראָץ דעם, וואָס מ'האָט פאַרברענט דעם גאַנצן קוואַרטאַל, אָנגעווענדעט גאַזן, האָט זיך נישט איינגעגעבן צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דעם הייפל פאַרטיידיקער. דער קאַמף דויערט ווייטער”.

ער האָט זיך פאַרענדיקט ווען דער לעצטער שוין קעמפער איז געפאַלן אונטער די חורבות פון לעצטן הויז.

**
*

Rendez-vous à 8 heures du matin, boulevard Saint-Denis, devant le Prisunic.

Tous les anciens combattants du 23e R.M.V.E. sont fraternellement invités à participer à cette manifestation patriotique d'amitié.

SAINT-QUENTIN

## Emouvante commémoration du soulèvement du Ghetto de Varsovie

Une foule nombreuse s'est rassemblée, dimanche, à l'appel de notre section, le 29 avril, au cimetière Saint-Jean à Saint-Quentin, pour commémorer le trentième anniversaire du soulèvement du ghetto de Varsovie. Devant la stèle où figurent les noms de tous les disparus de la communauté juive de Saint-Quentin, la prière aux morts fut dite par M. Trauman après le dépôt de gerbes par MM. Leroux, sous-préfet, Willer, et le président de notre section, Glowiczower.

Ensuite, M. Braconnier, sénateur-maire, fit l'historique du soulèvement.

M. Leroux, dans une allocution émouvante, évoqua avec ferveur le sacrifice de tous ceux qui ont offert leur vie pour que nous puissions vivre dans l'honneur et la dignité. L'orateur a rendu ensuite hommage à la valeur exemplaire du courage des combattants du ghetto de Varsovie.

## Nos Vœux

*Nous présentons nos vœux les plus chaleureux à notre vice-président Israel PERSTUNSKI et Madame, à l'occasion de la naissance de leur petite-fille Estelle.*

*Nos meilleurs vœux à notre camarade Bernard TRESSER et Madame, à l'occasion du mariage de leur fils Charles avec Mademoiselle Léa COHEN.*

*Nos vœux les plus sincères à nos camarades Waldemar et Cyporka GUTNIK, à l'occasion de la naissance de leur petite-fille Gaël MARCELLE.*

## Un monument à JEAN MOULIN

Une stèle à la mémoire de Jean Moulin sera érigée à Caluire, dans la proche banlieue lyonnaise, là où le premier président du Conseil national de la Résistance fut arrêté en juin 1943, avec plusieurs de ses camarades, par les hommes de Klaus Barbie.

L'ensemble sera inauguré le dimanche 24 juin, à l'occasion du 30e anniversaire de l'arrestation de Jean Moulin, à l'issue de la Journée départementale de la Résistance.

Le monument, construit à l'initiative du comité départemental, a pu être en partie réalisé grâce aux subventions des collectivités locales.

Imprimerie IM. PO., 65, rue du Fg-St-Denis, Paris (10e).

**Le Directeur : I. CLEITMAN**

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

לאַזאַר זימעט

# פיל מאָל אַנטלאָפן

מיר ברענגען די גבית־עדות פון לאַזאַר זימעט, וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין פראַנצויזישן טייל פון אונזער יובל־בוך „דער יידישער פרייוויליקער קעמפער 1939—1945”.

צום ערשטן מאָל בין איך אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט אין יולי 1940. איך האָב מיך דאַמאָלט געפונען אין לאַגער העמער, אין וועסטפאַלן. נאָך צוויי טעג פרייהייט האָט מען מיך געכאַפּט, איינגעזעצט אין תפיסה און דערנאָך געשיקט קיין האָהענשטיין, אַסט־פּרייסן, אין סטאַלאַג נומער 1 ב.

אַזוי ווי איך האָב געקענט דייטש, בין איך געוואָרן שעף פון באַראַק. דאָס האָט מיר דערלויבט צו העלפן דעם ווידערשטאַנד אין לאַגער, הויפּטזאַכלעך ביים אָרגאַניזירן דאָס אַנטלויפן פון לאַגער.

אין נאָוועמבער 1941 האָב איך נאָכאַמאָל געפּרוווט צו אַנטלויפן. איך האָב זיך באַהאַלטן אין אַ פאַרשלאָסענעם וואַגאָן, אָנגעפילט מיט קאַרטאָפל, אין אַ צוג, וואָס איז אָפּגעגאַנגען קיין בעלגיע. דער פראָסט איז געווען אַ גרויסער און איך האָב מיר אָפּגעפרוירן די פיס. נאָך לאַנגע שעהן ליידן, בין איך געצוווּנגען צו רופן הילף. אין בעלגיע האָט מען מיך איינגעזעצט אין תפיסה, ווו איך האָב באַקומען די נייטיקע מעדיצינישע הילף. דערנאָך האָט מען מיך אָוועקגעשיקט אין אַ שטראָף־לאַגער, נעבן גאָלדאַפּ, מזרח־פּרייסן, וועלכער האָט זיך געפונען אינמיטן די וועלדער, ווו גערינג פלעגט קומען אויף יאַגד.

מיר האָבן געמוזט אַליין בויען אונזער לאַגער. מיר האָבן געזעגט די בימער, זיי געטראָגן אויף די פּלייצעס אין טאַרטאַק. מען האָט אונז געגעבן פאַרזשאַווערטע טשוועקעס. די דייטשן האָבן געפאָדערט אויפצובויען אַ לאַגער, וועלכער זאָל זיין אַ מאָדעל צו וויזן וויכטיקע פּערזענלעכקייטן.

מיר האָבן געשאַפן אַ ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך, צווישן אַנדערן, פאַרנומען מיט מאַכן אַנטלויפן געפאַנגענע. אַזוי אַרום בין איך אַנטלאָפן דאָס דריטע מאָל. מען האָט מיך אָבער געכאַפּט צומאָרגנס אין אַנגערבורג, איינגעזעצט אין תפיסה און נאָך דריי וואָכן אָפּגעשיקט אין דער געגנט פון גאָלדאַפּ אין די וועלדער פון רעמינטעהודע, ווו אונז האָבן געהיטן ס.ס.־לייט, צוריקגעקומענע פון מזרח־פראָנט. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַכזריות!

איך האָב געאַרבעט אין דער אָפּטיילונג פון פּעקלעך. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין עפענען די פּעקלעך, וואָס זענען אָנגעקומען פון פראַנקרייך. דאָס האָט מיר דערלויבט צו פאַרניכטן בריוו, וואָס האָבן געקאָנט קאָמפּראָמיטירן פראַנצויזישע געפאַנגענע. איך בין געווען אין קאָנטאַקט מיטן אַספּיראַנט בערושע פון דאַל (דעפּ. זשוראַ), מיטן גלח לוסיען ראַבאַ און דעם פאַרטרויאונגס־מאַן פּאַל רוסעל.

אין אָוונט האָב איך איבערגעגעבן מיינע חברים ידיעות פון ראַדיאָ, אָבער דאָס האָט זיך אויסגעגעבן. די ס.ס. האָבן מיך געפאָרשט אין פאַרלויף פון 2 טעג. זיי האָבן געוואָלט וויסן פון וואַנען איך באַקום די ידיעות. איך האָב געטענהט, אַז פון ראַדיאָ שטוטגאַרט..

דעם 20־טן יאַנואַר 1943, האָבן מיינע חברים באַשלאָסן, אַז איך זאָל פאַרלאָזן דעם לאַגער. זיי האָבן מיר געשאַפן ציווילע קליידונג און מיך אָפּגעשיקט קיין אַלענשטיין, ווו איך בין געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט קאַוועל, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער אַקציע פון העלפן אַנטלויפן קריגס־געפאַנגענע.

דעם 4־טן פעברואַר 1943 בין איך צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע אַריין אין אַ וואַגאָן אָנגעפילט מיט ליידיקע פעסער פון וויין. דער צוג איז אָפּגעגאַנגען קיין פּאַריז פּאָרט רויאַל. יעדער איינער איז אַריין אין אַן אַנדערן פאַס.

נאָך צוויי וואָכן זענען מיר אָנגעקומען קיין מעץ. דער צוג איז אָפּגעגאַנגען און אונזער וואַגאָן איז געבליבן אויפן אָרט. איך בין געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איך בין נישט געווען פעאיק אַרויסצוקריכן פון פאַס. מיינע חברים האָבן מיר געהאָלפן.

נאָך אַ נאַכט מאַרשירן זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ פאַרמע, ווו מיר האָבן גענעכטיקט אויפן בוידעם. די בעלי־בתים זענען געווען האָלענדער און זיי האָבן אונדז קאָנטאַקטירט מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

אָבער, ווען מיר זענען געקומען אויף דער טרעפונג אין אַ קאַפע, האָט די געשטאַפּאָ זיך שוין דאָרט געפונען.

צוויי חדשים האָט געדויערט די אויספאָרשונג. מען האָט מיך געמוטשעט ביי טאָג און ביי נאַכט. ערשט ווען זיי האָבן געפונען, לויט מיינע אָנווייזונגען, צווישן מיינע זאַכן בריוו, וועלכע איך האָב באַקומען אין סטאַלאַג, ווי אויך מיין נומער (33.539), וועלכן איך האָב געטראָגן אין לאַגער — האָבן זיי מיך, צוזאַמען מיט דריי אַנדערע אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע, אַריינגעזעצט אין אַ באַזונדערער קאַמער און אָפּגעפירט אין אַ לאַגער קיין נאַנסי, ווו מיר האָבן באַקומען די אויסשטאַטונג פאַר קריגס־געפאַנגענע מיט אַ דרייעק אויף דער פּלייצע.

שפּעטער האָט מען אונז אָפּגעשיקט קיין ווענזול אין וואַגאָנען, אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָטן און פון דאָרט קיין דייטשלאַנד, אין סטאַלאַג 5 אַ, ווו איך בין געבליבן אין אַ דיסציפּלינאַרער קאָמאַנדאָ ביז צו דער באַפרייאונג.

## מעדיצינישע רובריק

### מעסיקייט

פאַר אַלע די, וואָס זיינען שוין אַריינגעטרעטן אין דעם אַזוי גערופענעם „דריטן עלטער”, דאַרף מעסיקייט זיין דער הויפּט־פּרינציפּ פון זייער לעבנס־שטייגער.

מעסיקייט ביים אַדורכפירן פיזישע אַרבעטן, סיי אין שטוב, ווי אויך ביי פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט. דאָס זעלבע איז נוגע שפּאַצירן און ספּאָרט־איבונגען. געדענקט, אַז מען טאָר נישט דערגרייכן און זיכער נישט איבערשטייגן די שוועל פון מידקייט. דאָס וואָס מיר קאָנען נישט פאַרענדיקן היינט, דאַרף מען האָבן צייט צו מאַכן מאָרגן.

מעסיקייט אויך אין אינטעלעקטועלע באַשעפטיקונגען: נישט לייענען ביזן מיד ווערן, נישט באַמיען זיך צו פאַרענדיקן פאַר יעדן פּרייז אַן אָנגעפאַנגענע אַרבעט. אינטעלעקטועלע אויסשעפּונג איז שעדלעך אין דעם עלטער. אויב איר וועט דאָך צו לאַנג זיך אָנשטרענגען, וועט איר נאָך אַ געוויסער צייט באַמערקן, אַז אייער אַרבעט גיט נישט די געהעריקע רעזולטאַטן.

אָפּהיטן דעם פּרינציפּ פון מעסיקייט ביים עסן. איר האָט ליב געשמאַקע מאכלים? גרייט צו פאַרשידענע און עסט פון יעדן אַ ביסל. איך האָב געהאַט אַ פריינט, דאָס איז געווען אַ באַרימטער פילאָזאָף, אָבער אויך אַ חכם. ער פלעגט מיר זאָגן, עסנדיק קליינע פּאָרציעס פלייש, גרינוואַרג און פרוכטן: „איך פּראַקטיציר אַ מיקראָ־באַשפּייזונג”. מען האָט געקאָנט באַמערקן, ווי ער איז זיך מחיה, פאַרזוכנדיק צו ביסלעך פון יעדן געשמאַקן מאכל, פאַרפּילפּאַכנדיק אַזוי אַרום זיין פאַרגעניגן פון עסן.

פאַרגעסט אויך נישט צו זיין מעסיק ביים טרינקען וויין און הויפּטזאַכלעך אַלקאָהאָל פון יעדן מין.

און פּאַפּיראָסן? — וועט איר פרעגן. מיין ענטפער איז: „באַמבאַרדירט נישט פון אינדערפרי ביזן אָוונט, נאָר פאַרקלענערט, לאַנגזאַם, אָבער אַלץ מער זייער צאָל.

און איצט עטלעכע אַלגעמיינע אָנווייזונגען נוגע מעדיקאַמענטן. פאַרגעסט נישט וועגן אַ הויפּט־פּרינציפּ: פון יעדן מעדיקאַמענט דאַרפט איר נעמען ווייניקער, ווי עס איז פאָרויסגעזען פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטש. אויב איר באַמערקט, אַז אַ געוויסער מעדיקאַמענט גיט גוטע רעזולטאַטן, ריזיקירט נישט צו נעמען אַ סך, מיינענדיק, אַז איר וועט שנעלער געזונט ווערן. דאָס וואָלט געווען אַ גרויסער פעלער. אַן אָרגאַניזם פון אַריבער זעכציק יאָר, און נאָך מער, אַן אויסגעמאַטערטן פון די איבערבלייבענישן פון סטאַלאַג, אָדער פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, דאַרף מען שוינען: דער שטאַפּל פון ווירקזאַמקייט פון אַ מעדיקאַמענט איז ביי אונדז אַ נידעריקערער, ווי ביי אַ דורכשניטלעכן דערוואַקסענעם מענטש. דעריבער דאַרף די דאָזע זיין אַ קלענערע.

עס איז אָבער פאַראַן אַ געביט, אין וועלכן איר דאַרפט נישט אָפּהיטן דעם פּרינציפּ פון מעסיקייט. דאָס איז רו און שלאָף. אַ סך געזונט גיבן צו לאַנגע, רואיקע נעכט אין אַ פרישן, אויסגעלופטערטן צימער.

ד״ר ד. זשירו
(„פּאַטריאָט רעזיסטאַן”)

פּראָפעסאָר ט. גראַל

# די תקופה פון די קאַזאַקיש־הײַדאַמאַקישע שחיטות איבער יידן

1. באָגדאַן כמיעלניצקי און זיינע „מאַלאָיצעס”

ווען אונדזערע זיידעס און טאַטעס האָבן אַרויסגערעדט דאָס וואָרט קאָזאַק, האָבן זיי עס געטון מיט ציטער און פחד. פאַר זייערע אויגן האָבן אויפגעלעבט די גרויל־בילדער פון פאַרטיליקטע יידישע קהילות, פון אויסגעשאָכטענע מענער, פרויען און קינדער, געפאַלענע אונטערן מעסער פון בלוטדורשטיקע רוצחים.

נישט אין צענדליקער נאָר אין הונדערטער טויזנטער דאַרף מען ציילן די יידישע קרבנות, וואָס זענען אומשולדיק, אויף אַ סאַדיסטיש־חיהשן אופן, אויסגעקוילט געוואָרן דורך די קאָזאַקישע און היידאַמאַקישע האָרדעס. בלויז אין דער כמיעלניצקי־תקופה פון 1648 ביז 1656 איז דאָך אומגעקומען מער ווי אַ דריטל פון פּוילישן יידנטום, העכער צוויי הונדערט טויזנט מענטשן. פיל היסטאָריקער און געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן געזען אין די גרויזאַמע קאָזאַקן־שחיטות פון 17־טן יאָרהונדערט אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע, וואָס קאָן ווערן פאַרגליכן מיטן חורבן בית־המקדש אין ירושלים, מיט דער גרויזאַמער שחיטה פון אירע איינוווינער, אַדורכגעפירט דורך די רוימישע לעגיאָנערן.

אפילו ביי אונדזער דור, וואָס איז דורך דעם נאַצי־גיהנום, ווערט פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן ווען מיר לייענען די באַשרייבונגען פון לעבעדיקע עדות פון יענע געשעענישן. די לייענער וועלן מיר מוחל זיין, וואָס טראָץ זייער גרויזאַמקייט, וועל איך ציטירן געוויסע. אָט, וואָס מיר לייענען אין בוך „יון מצולה” („דער טיפער זומפּ”) פון גרעסטן יידישן כראָניקער פון יענער תקופה, נתן האַנאָווער, וועלכער איז אַליין אַנטלאָפן פון דער קאַזאַקישער שחיטה אין זאַסלאַוו:

„ביי אַ טייל האָבן די יוונים די הויט פון לייב אַראָפּגעשונדן און זייער פלייש פאַר די הינט געוואָרפן... אַ סך האָט מען באַגראָבן לעבעדיקערהייט. קינדער האָט מען צעריסן ווי פיש און געשאָכטן אין שויס פון דער מוטער. ביי טראָגיקע פרויען האָט מען דאָס לייב אויפגעשניטן, דאָס קינד אַרויסגעצויגן און דערמיט איבערן פּנים געשלאָגן... טייל קינדער האָט מען אַרויפגעשטאָכן אויף שפּיזן, געבראָטן אין פייער און געברענגט פאַר די מאַמעס צו עסן... טיילמאָל פלעגן זיי נעמען יידישע קינדער און מאַכן פון זיי בריקן אויף אַריבערצוגיין... אַ סך פרויען און בתולות האָבן זיי מאַנס געווען, זיי געפייניקט פאַר די מענער אין די אויגן... אויך מיט פּאָליאַקן האָבן זיי זיך אַזוי נוהג געווען, דער עיקר מיט זייערע גלחים”.

און דאָס האָט זיך איבערגעחזרט אין הונדערטער שטעט און שטעטלעך. אין משך פון 8 יאָר (פון 1648 ביז 1656), ווען דער קאָזאַקישער אויפשטאַנד האָט זיך צעגאָסן איבער אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, ליטע און אַלט־פּוילישע געביטן זענען פאַרניכטעט געוואָרן קנאַפּע 700 (זיבן הונדערט) יידישע קהילות מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער 200 טויזנט יידן.

צו די גרויזאַמסטע קאָזאַקישע שחיטות האָבן זיך דעמאָלט פאַרשריבן: די ניעמיראָווער, טולטשינער, באַרער, פּאָלאָנאיער, אַלט־קאָנסטאַנטינער, האָמלער, מאָהילעווער, לובלינער א.א.

אין דער באַפעסטיקטער פּאָדאָליער שטאָט נעמיראָוו, ווו ס'זענען אָנגעקומען די אַנטלאָפענע פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, זענען דאַן, לויט דעם כראָניקער נתן האַנאָווער, גרויזאַם אויסגעמאָרדעט געוואָרן ביי 12 טויזנט יידן. פיל האָבן פּרובירט זיך ראַטעווען דורך אַריבערשווימען דעם טייך, אָבער די קאָזאַקישע קוילן האָבן זיי געטראָפן.

דאָך האָט זיך איינצלנע איינגעגעבן אַנצוקומען אין דער שטאָט טולטשין, באַרימט מיט איר שטאַרקער פעסטונג. די יידן (ביי 2 טויזנט) און פּאָליאַקן (ביי 600) האָבן געשלאָסן אַ „הייליקן בונד”, געמיינזאַם צו פאַרטיידיקן די שטאָט. לויט פּוילישע כראָניקער און היסטאָריקער האָבן „די איזראַעליט” אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקן העראָיזם”, מיטרייסנדיק מיט זייער בראַוווּר און דרייסטקייט „די מיליטעריש־געשולטע יונגע שלאַכטשיצעס”.

מיט די קאָזאַקן האָט ביי טולטשין אָנגעפירט דער בלוטיקער „וואַטאַזשקאָ” (אַטאַמאַן) קריוואָנאָס (די קרומע נאָז), באַרימט נישט נאָר מיט זיין העסלעכן פּנים, נאָר אויך מיט זיין חיהשקייט. ער האָט זיך ליב געהאַט צו באָדן אין בלוט פון זיינע קרבנות.

זעענדיק, אַז אין גלייכן קאַמף וועט ער נישט בייקומען די פאַרטיידיקער האָט קריוואָנאָס באַשלאָסן צו צעברעכן זייער אייניקייט. ער האָט צוגעזאָגט די פּוילישע אדל־לייט, אין שפּיץ מיטן פירשט טשעטווערטינסקי, אַז אויב זיי וועלן אַרויסגעבן די יידן און זייער פאַרמעגן, שאַנעוועט ער דאָס לעבן פון די פּאָליאַקן.

און די שטאָלצע פאַרשטייער פון די פּוילישע מאַגנאַטן און שליאַכטע האָבן מקריב געווען די יידן, אָבער טייער פאַר דעם באַצאָלט. צוזאַמען מיט די יידן זענען אויסגעקוילט געוואָרן „די פּוילישע פּאַנעס” אין דעם אויך דער פירשט טשעטווערטינסקי, וועמענס צוויי טעכטער זענען פריער פאַרגוואַלטיקט געוואָרן אין זיין אָנוועזנהייט.

לויט דעם יידישן כראָניקער חיים־יונה גורלאַנד, האָט דער זעלביקער קאַזאַקישער אַטאַמאַן קריוואָנאָס, אויסגעשאָכטן אין דער אוקראַינישער שטאָטש באַר 15 טויזנט יידן. דאָס באַשטעטיקן אויך רוסישע היסטאָריקער און מקורים.

אין דער באַפעסטיקטער וואָלינער שטאָט פּאָלאָנאָיע (אָדער פּאָלאָנגע) זענען דאַן אויסגעשאָכטן געוואָרן ביי 12 טויזנט יידן צוזאַמען מיט דעם באַרימטן מקובל ר' שמשון אָסטראָפּאָליער. ער איז מיט 300 לומדים אַוועק אין שול. זיי האָבן זיך אָנגעטון אין תכריכים און טליתים, האָבן בקול־רם גענומען זאָגן תפילות און אַזוי אויפגענומען די רוצחים, וועלכע האָבן זיי אויסגעקוילעט ביז איינעם.

די שחיטה אין דער שטאָט האָמעל האָט געקאָסט דאָס לעבן פון העכער 2 טויזנט יידן. אויף דעם גרויזאַמסטן אופן זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין דער תקופה ביי 700 יידישע קהילות מיט אַ באַפעלקערונג פון 200 טויזנט איינוווינער.

די גרויזאַמע געשעענישן זענען פאַראייביקט געוואָרן נישט נאָר אין באַשרייבונגען פון כראָניקער, ווי נתן האַנאָווער, גורלאַנד, שבתי כהן, ווי אין די דערינערונגען פון רבנים — רב משה ריווקעס פון ווילנע, רב שמואל אַווערבאַך פון לובלין, נאָר אויך אין פּאָעטישע שאַפונגען און סליחות, מגילות, קינות.

ווען מיר לייענען דעם אויפטרייסלענדיקן דאָקומענט „צוק העתים” (די צרה פון דער צייט) געשריבן אין

(סוף זייט 6)



N° 141 Juin 1973 (2)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

מ. שוסטער

# פילם און טעאַטער
## נאָכן פעסטיוואַל פון קאַן

ווען מיר שרייבן די שורות איז דער פילם־פעסטיוואַל אין קאַן שוין פאַרענדיקט און פיל מיטגלידער פון זשורי ווילן אים שוין פאַרגעסן.

דער אַלגעמיינער איינדרוק, ווען מען לייענט די קריטיק פון די, וועלכע זיינען געווען אין קאַן, איז, אַז דער פעסטיוואַל האָט אפילו נישט באַפרידיקט די, וועלכע האַלטן, אַז דער אויסוואַל פון די פרעמירטע איז געווען אַ גוטער. אַלע זיינען דעריבער מסכים, אַז דער זשורי האָט מיטן צוטיילן די פרעמיעס, געהאַנדלט גיכער אויף אַ דיפּלאָמאַטישן אופן.

אָן אויסנאַם איז אפילו דער אַמעריקאַנישער פילם „סקאַרעק בראָו". (ל'עפּוואַנטאַי" אויף פראַנצויזיש) פון זשערי שאַצבערג, וועלכער האָט באַקומען צוגעטיילט דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן פרייז. אַלע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז דאָס איז זייער אַ גוטער פילם, ממש אַ שעדעווער. דעם זעלבן פרייז האָט אויך באַקומען דער ענגלישער פילם „לאַ מעטריס" פון אַלאַן ברײדזש. די אַרטיסטן פון ערשטען פילם, דזשען האַקמאַן און אַל־פּאַטשינאַ, ווי פון צווייטן סאַראַ מיילס, זיינען דעריבער אויסגעצייכנט געוואָרן פאַר זייער שפּיל.

אַנדערש איז שוין די מיינונג וועגן פראַנצויזישן פילם „די מוטער און די זונה" פון זשאַן עסטאַש, וועלכער האָט באַקומען דעם גרויסן ספּעציעלן פרייז פון זשורי". אויב איינקע ווי פראַנסואַ שאַלע („פיגאַראָ") האַלטן, אַז אַזאַ פילם איז פּשוט אַ בושה פאַר פראַנקרייך, מיינען אַנדערע פילם־ספּעציאַליסטן, אַז ער איז גאָר נישט אַזוי שלעכט, כאָטש די וואָס האָבן אים שוין געזען האָבן נישט אויפגעהערט צו גענעצן (דער פילם דויערט 3 שעה מיט 20 מינוט). די אַנדערע אויסצייכענונגען זיינען נוגע דער אינטערפּרעטאַציע פון אַרטיסטינס, אַרטיסטן; אַ ספּעציעלן פרייז האָט באַקומען דער פילם „די רויטע פּלאַנעטע" (אַ פראַנצויזישער); אַ פרייז פון זשורי — אַ פּוילישער און אַ שווייצאַרישער פילם, קורצע מעטראַזשן אאַ"וו.

מערערע פילמען, וואָס זיינען געוויזן געוואָרן, אָדער וואָס זיינען נישט סעלעקציאָנירט געוואָרן פאַר די הויפּט־פרייזן, פאַרדינען אָן שום ספק מען זאָל זיי זען אין פּאַריז. צווישן זיי ווערט זייער געלויבט דער פילם פון פראַנסואַ טריפאָ „די אַמעריקאַנער נאַכט".

אַ צווייטער פילם, וועגן וועלכן עס ווערט פיל גערעדט פאַר און קעגן איז „לאַ בוף". דאָס אַליין איז שוין גענוג, אַז אָנהענגער און קעגנער לויפן אים זען. אַזוי, אַז עס וועט אונדז נאָך זיכער אויסקומען צו רעדן וועגן זיי, אויב זיי וועלן נאַטירלעך עס פאַרדינען.

„לע לימיע"

דעם לעצטן פילם, וואָס מיר האָבן געזען און וואָס האָט נישט צו טאָן מיטן פעסטיוואַל הייסט „לע לימיע" (דער דעטעקטיוו) איז אונדז זייער געפעלן, כאָטש עס שפּילן בלויז צוויי אַרטיסטן, אָבער וואָס פאַר אַ שוישפּילער?

דער סיפור־המעשה איז פאַרכאַפּנדיק. אַ רייכער אַריסטאָקראַט, אַן אויטאָר פון פּאָליציייאישע ראָמאַנען (דער פילם איז אויך אַ מין פּאָליציייאישער) אַנדריו וויקע (לאָראַנס אָליוויע) שלאָגט פאָר דעם געליבטן פון זיין פרוי, מילאָ טינדל (מיכאַיל קעין), ווען ער האָט איינגעלאַדן אין זיין שלאָס, אַז ער זאָל מיט זיין הילף אַרויסגנבענען די צירונג פון זיין פרוי, כדי צו קאָנען זי אויסהאַלטן אין לוקסוס; דער אַריסטאָקראַט וועט קאָנען באַקומען די פאַרזיכערונג־סומע און וועט דערפאַר מאַכן אַ שוויג. מילאָ טינדל גייט איין אויפן געשעפט.

אין פאַרלויף פון צוויי שעה וואָס דער פילם דויערט באַקעמפן זיך די צוויי מענער ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. יעדער פון זיי זוכט אַריין צו נאַרן דעם צווייטן אין זאַק אַריין. די שפּיל פון ערשטן, פון אַריסטאָקראַט באַשטייט אין דערנידעריקן אויף אַ ראַסיסטישן אופן דעם געליבטן פון זיין

(סוף זייט 5)

ש. ש. מאַשקאָוויטש

# א ברילינג־טאָג אין לעוואָנס

דאָס צווייטע מאָל, וואָס איך געפין זיך אין „לאַריע ראָז". די געגנט אַ פראַכטפולע. די בערג־הויכקייטן רינגלען אַרום אַלץ, וואָס מען קאָן דערזען. וואַלדיקע ביימער וויגן זיך סודותדיק. אַרום און אַרום הערשט אַ שטילקייט, וואָס ווירקט וווּנדערבאַר אויף די צעשטערטע נערוון. די לופט איז ריין און פּראַסטיק. אַ גאָלדענע זון שיילט זיך אַרויס פון די בערג־שפּיצן און שיקט ליכטיקע און וואַרעמע שטראַלן. הינט צעבילן זיך און דער עכאָ טראָגט דאָס איבער העט ווייט.

דאָס הויז איז אויפגעבויט געוואָרן דורך די געוועזענע יידישע קאָמבאַטאַנטן. געבענטשט זאָלן זיין די, וואָס האָבן געהאַט דעם געדאַנק אויפצושטעלן אַזאַ פּרעכטיקע אינסטיטוציע, ווו געוועזענע פראָנטקעמפער און דעפּאָרטירטע, קראַנקע, נאָכן אַדורכמאַכן דעם שרעקלעכן מלחמה גיהנום, קאָנען שטאַרקן זייער געזונט.

דאָס הויז שטייט זיך מאַיעסטעטיש אויף אַ קליין בערגל, אַ שיינער, עסטעטישער גאָרטן, געפּלעגט דורך אַ גערטנער, אַ פּאַכמאַן, גיט אים צו אַ דעקאָראַטיוון חן.

אין דער לופט פילט מען דעם פרילינג, די פייגל הייבן אָן צו טרעלן און צו צוויטשערן אין דער פרימאָרגן־שטילקייט. די בלעטער אויף די ביימער וואָס זענען געבליבן נאָכן מילדן ווינטער, באַקומען אַ העלגרינע פרישקייט. די רויזן אויף די קוסטעס עפענען זייערע קנאָספּן, ווי קליינע שוועלבעלעך, ווען די מוטער קאַרמעט זיי. שיינער הערלעכער פרילינג, דו דערמאָנסט אונזער יוגנט!

„לאַריע ראָז" ווערט אָנגעפירט דורך אַ יונגן, סימפּאַטישן און פעאיקן דירעקטאָר. זויבער, טעלעוויזיע, פאַרוויילונגען פון צייט צו צייט פילמען, עקסקורסיעס אין די בערגיקע געגנטן און לענג־אויס דער ריוויערע דערלויבן צו אַנטדעקן פּרעכטיקע, מאַלערישע פּייזאַזשן. אַ רייכע ביבליאָטעק אין פאַרשידענע שפּראַכן, וואָס איז אַ קליינער קולטור־אוצר.

★

עס זענען דאָ פאַראַן אַרום זעכציק קאָנוואַלעסצענטן. יעדער איינער איז אַ וועלט פאַר זיך.

געוועזן דאָ אַ מיליטער־מאַן, אַ קאַלאַנעל נאָך אַן אָפּעראַציע פון קאָפּ. אין עס־זאַל געזעסן אַליין ביי אַ טישל. איידעלע שטריכן, טונקל־ברוינע קלוגע אויגן. אַן אומגליקלעכער מענטש. שווער אים געווען צו רעדן. ער פאַנגט אָן און איין באַק הייבט אָן ציטערן. כדי צו באַרואיקן די נערוון האַלט ער זי צו מיט דער האַנט. דער אויסדרוק פון זיין פּנים ווייזט, אַז ער ליידט שטאַרק.

אַ צווייטער — אַ פּאַריזער ביי די זעכציקער יאָרן. אַ קליינוווקסיקער, אַ קינדעריש־גוטמוטיקער אויסדרוק. דאָס פּנים ביי אים לאַכט. ער גייט פּאַמעלעך, שאַרט מיט די פיס, ווי אַ קינד, וואָס איז נישט זיכער מיט זיין גאַנג. דאָס איז אַן אינטעליגענטער מאַן, באַזיצט פּערפעקט יידיש און פראַנצויזיש. האָט איבערגעזעצט עטלעכע ביכער. אַ נערוון־קראַנקייט האָט איבערגעריסן זיין אַרבעט. ער איז באַגלייט דורך זיין פרוי, וועלכע גלויבט, אַז אין „לאַריע ראָז" וועט ער גענעזן ווערן.

פאַראַן דאָ מענטשן, וואָס האָבן אין זייערע יונגע יאָרן פאַרנומען אַ פּאָזיציע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. עס איז געקומען די מלחמה מיט אירע ליידן. אַ פּסיכישער שאָק. אָט, נעמט איינער אין האַנט אַ צייטונג, אַ קוק אַריין, כאַפּט אַ צווייטע, אַ דריטע. לייגט זי אַוועק און קוקט אַרויס דורכן פענצטער. באַלד לויפט ער אַרויס אין גאָרטן. וואָס פייניקט דעם מענטש? וועלכע ליידן? וואָסער אַנטוישונג האָט ער מיטגעמאַכט? איך דערמאָן זיך מיינע יוגנט־יאָרן, אין סטרינדבערגס „פאַרלוירענע נשמות". דאָ, אין „לאַריע ראָז" טרעפט מען טיפּן, וועלכע ער האָט באַשריבן.

★

די זון לאָזט זיך אַראָפּ אויפן האָריזאָנט, מיט די לעצטע שטראַלן באַגריסט זי די בערג־שפּיצן. זי פאַרגייט.

די נאַכט פאַלט צו, די שטילקייט ווערט נאָך טיפער, געדיכטער. אין גרויסן זאַל איז טומלדיק. מען שפּילט אין בעלאָט, מען רעגט זיך אויף, איינער וויל איבערשרייען דעם אַנדערן. די טעלעוויזיע ווייזט אַ וועסטערן, מען הערט בלויז די קעגנזייטיקע שיסעריי. ביי אַן אַנדערן טיש זיצן צוויי מאַן און שפּילן אין שאַך, קאָנצענטרירט, זיי הערן גאָרנישט, וואָס עס טוט זיך אין זאַל. די פיגורן אויפן שאַך־ברעטל זענען פאַר זיי אַ מין לעבעדיקע געשטאַלטן.

איך גיי אַרויף אין מיין צימער. די נאַכט האָט זיך פאַנאַנדערגעלייגט. דער הימל איז טונקל־בלוי, די שטערן — קליינע בריליאַנטן. זיי לייכטן, ווינקן, פליען צומאָל אין די הימלישע הויכקייטן. פון דערווייטנס זעט מען קליינע הייזקעס. זיי לייכטן סודותדיק, פאַרשפּרייטן שאָטנס אין דער פינצטערער נאַכט. אַן עלנדער הונט יאָמערט אויף זיין פינצטערן גורל.

אַ נאָסטאַלגיע, אַן אומעט נעמט מיך אַרום. איך געזעגן מיט שטומע בליקן דאָס קליינע שטעטעלע לעוואָנס, וואָס שלאָפט שוין רואיק. איך פאַרצייכן די בילדלעך, עפּיזאָדן פון מיין פאַרברענגען אין דער הערלעכער געגנט, אין דעם אָפּרו־הויז „לאַריע ראָז".

לעוואָנס, דעם 8־טן מערץ 1973

---

גראַמען פון מאיר פון שעברשין, פילן מיר זיין אינערלעכן אויפברויז און ווייטאָג, ער קרוינט די קאָזאַקישע רוצחים מיט אַזעלכע עפּיטעטן ווי: פאַרשאָלטענע, סדום־מענטשן, עמלקים אאַ"וו. אין דעם איכה־ליד „פּתח תשובה" פון גבריאל שוסבערג פון רײשע (גאַליציע), האָבן מיר אַ גרויל־באַשרייבונג פון קאָזאַקישער בעסטיאַליטעט, ווען אַן אַלטיטשקער פאָטער מוז צוזען, ווי די מערדער וואַרפן אויף פּיקעס זיין איינציקן זון.

אין „מגילת עופה" (די מגילה פון פינסטערניש), באַשרייבט דער באַרימטער דאַן אין ליטע ר' שבתי כהן „די מעשים פון רויבער און אויסוואָרפן וואָס רופן זיך קאָזאַקן". די שאַפונג דריקט אויס נישט נאָר די פערזענלעכע פּיין פון שרייבער, נאָר אויך זיין האַס און פאַראַכטונג צו די תלינים.

אין דער סליחה „אלה אזכרה" פון קראָקאָווער רב ר' יום־טוב ליפּמאַן העלער, ווייזט דער אויטאָר אויף, אַז די קאָזאַקישע פּאָגראָמען און רציחות זענען די גרויזאַמסטע אין לאַנגן גלות פון יידישן פאָלק. דער פּויזנער רב ר' שעפּסל האָראָוויץ רופט אָן די אוקראַיניש־פּוילישע קאַטאַסטראָפע דעם דריטן חורבן. אין דער סליחה „שבתי בביתא", ווענדעט ער זיך צו גאָט מיט פאָלגענדע ווערטער: „צו האָסטו פאָטער אין הימל אַרויסגעגעבן אַ גזרה אומצוברענגען דיין פאָלק? די שרעקלעכע קאָזאַקן־שחיטה האָסטו דאָך דערלאָזט אין חודש סיון, אין דעם זעלבן, ווען האָסט אויפן באַרג סיני געגעבן די תורה, וואָס אין נאָמען פון איר, טויט מען אונז מאַסנווייז. צו וועסטו אויך באַשטראָפן כאָטש די פאַרטיליקער פון דיין פאָלק?"

ר' משה בן אליעזר הכהן, רב פון דער וואָלינער שטאָט נאַראָל, וואָס האָט אַליין צוגעזען דאָס אויסמאָרדן פון 20 טויזנט יידן, און האָט נאָכן פאַרטיליקן זיין קהילה, באַזעצט זיך אין דער שטאָט מעץ (פראַנקרייך), שרייבט אין זיין עלעגיע 1) „בבקשה": „אַ איידעל יידיש פוילן, אויסדערווויילט פאַר תורה און וויסן! ביסט פאַרוויסט, פאַריתומט, פאַרוואָגלט! דו האָסט היינט מער אלמנות, ווי זאַמד אויפן ים. דאָס בלוט פון דיינע קינדער פליסט שטראָמענווייז אין טייכן, אַזיערעס און בלאָטעס"".

אַזוי אַרום איז דער טרויער און געוויין פון געקוילעטן יידישן פאָלק פאַראייביקט געוואָרן און צעטראָגן זיך איבער דער גאַנצער וועלט.

די הויך־אַנטוויקלטע דאַן יידישע קהילות אין מערב־אייראָפּע, וואָס האָבן שוין ברייט גענאָסן פון די פרייהייטס־ווינטן, פון גרויסן זיג פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין ענגלאַנד (1648) פון רעכטן אין פראַנקרייך, איטאַליע, האָלאַנד, דייטשלאַנד, האָבן מיט ציטער אויפגענומען די שוידערידיעות פון די קאָזאַקישע שחיטות אין פוילן.

די יידישע מערב־קהילות האָבן דאַן געטראָגן ברייטע הילף די על־פּי־נס געראַטעוועטע און אַנטלאָפענע. זיי האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן צוזאַמען מיט זייער שווער געטראָפענע ברידער און שוועסטער. די טרערן זענען געפלאָסן ווי טייכן אין די שולן און סינאַגאָגעס פון ווענעציע, אַמסטערדאַם, בערלין, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו די פאַרזאַמלטע מתפּללים האָבן האַרצרייסנד געטראָגן צו גאָט די ווערטער פון דער גרויסער צאָל קינות און סליחות, געשאַפענע דאַן איבער דעם חורבן פוילן.

★

אין די שרעקלעכע יאָרן פון די קאָזאַקישע שחיטות, אין דער תקופה פון כמיעלניצקי־אויפשטאַנד, ווי עס שטעלן פעסט די גרעסטע יידישע היסטאָריקער, האָבן די מערהייט יידן געקאָנט ראַטעווען זייער לעבן דורך שמד. אין דעם דריקט זיך אויס דער אונטערשיד אויך צווישן דער אידעאָלאָגיע פון די קאָזאַקן און דער אידעאָלאָגיע פון די נאַציס. די היטלערישע פעלקער־מערדער האָבן געוואָלט אויסראָטן נישט די יידישע אמונה, נאָר דאָס יידישע פאָלק. אַפילו די, וואָס זייערע עלטער־זיידעס זענען געווען שוין געשמדטע, האָט מען געטריבן אין די געטאָס און אומגעבראַכט. די פּרימיטיווע, אָבערגלויבערישע קאָזאַקן האָבן געזען דאָס שלעכטס אין דער יידישער רעליגיע, וואָס האָט, לויט זיי, אָפּגעפרעמדט די יידן און פאַרוואַנדלט זיי אין שונאים פון „גוישן" פּויערטום און אין דינער פון די „פּוילישע פּאַנעס".

אין דער דערציילונג פון אַ בן־דור (מיטצייטלער), וועגן דער קאָזאַקישער שחיטה אין דער ווייסרוסישער שטאָט האָמעל, לייענען מיר: „די יוונים האָבן אַרומגערינגלט די יידן מיט אַנטבלויזטע שווערדן, קינדזשאַלן און פּיקעס און געזאָגט צו זיי: וואָס טוט איר גלויבן אין אייער גאָט, וואָס האָט נישט קיין רחמנות אויף זיין פאָלק אין נויט, וואָס ראַטעוועט אייך נישט פון אונזערע הענט? פאַרלאָזט אייער גאָט און איר וועט ווי די האָרן לעבן צווישן אונדז" 2).

דער מאָטיוו חזרט זיך איבער אין די פאָדערונגען פון אַלע קאָזאַקישע אַטאַמאַנען. אַפילו דער גרויזאַמסטער פון זיי גרויזאַמע, קריוואָנאָס, ווען ער האָט שוין פון די פּוילישע פאַרטער אין טולטשין באַקומען די יידן, האָט ער נישט אָנגעהויבן פון אַ שחיטה, נאָר „אַריינגעשטאָכן אַ פאָן אין דער ערד און אויסגערופן: ווער עס וויל בייטן דעם גלויבן זאָל קומען און זיך זעצן אונטער דער דאָזיקער פאָן און ער וועט בלייבן לעבן" 3).

און דאָך האָט אַ ריזיקע מערהייט יידן אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג פון שמד און אויסגעקליבן דעם טויט.

אין די גרויזאַמסטע באַדינגונגען, אין אַנבליק פון אומפאַרמיידלעכן אומקום האָט כמעט אַ פערטל מיליאָן זין און טעכטער פון יידישן פאָלק אויסגעקליבן דעם וועג פון ווידערשטאַנד, פון גייסטיקן און באַוואָפנטן. דער ערשטער, דער גייסטיקער, איז געקומען צום וואָרט אין מאַסן־כאַראַקטער פון קידוש־השם. דער צווייטער, דער באַוואָפנטער, אין געמיינזאַמער פאַרטיידיקונג מיט די פּאָליאַקן פון אַלע שטעט און שטעטלעך, אָנגעגריפענע דורך די קאָזאַקישע אויפשטענדלער.

אַזוי האָבן יידן צוזאַמען מיט פּאָלאַקן העלדיש פאַרטיידיקט די שטעט: נעמיראָוו, טולטשין, פּאָלאָנע, באַר, לעמבערג (צוויי מאָל) פּשעמישל און אַנדערע. און דאָרט ווו די פּאָלאַקן האָבן נישט פאַרראַטן, האָט דער בלוטיקער שונא געמוזט זיך צוריקציען.

דער מאַסן־כאַראַקטער פון יידישן קדוש־השם אין דער כמיעלניצקי־תקופה איז נישט נאָר אַ באַווייז פון בלינדער צוגעבונדנקייט צו דער אמונה, ווי געוויסע ווילן דאָס אויסטייטשן, נאָר — אַרויסגייענדיק פון פּסיכאָלאָגיש־ביאָלאָגישן שטאַנדפּונקט — אַ באַווייז פון מאָראַלישער גבורה, וואָס האָט געשטעלט העכער דעם מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן כבוד, ווי דאָס טייערסטע, וואָס אַ מענטש פאַרמאָגט, דאָס אייגענע לעבן.

דעריבער אויך איז די תקופה פון די קאָזאַקן־שחיטות אין 17־טן יאָרהונדערט נישט קיין איכה־געוויין פון יידישן פאָלק, נאָר אַן אָראַטאָריום־הערויקום 4) פאַר דער יידישער גבורה און העלדישקייט.

פּראָפעסאָר ט. גראַל

1) אַן אומעטיקע, ליריש־פּאָעטישע שאַפונג.

2) זע דובנאָוו „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק, באַנד 7, אויסגאַבע: יידישער וועלט־קאָנגרעס, זייט 31.

3) דאָס זעלבע בוך און באַנד פון דובנאָוו, זייט 28.

4) אַ העלדישע אָראַטאָריע. אָראַטאָריום איז אַ מוזיקאַליש ווערק פון דראַמאַטישן אינהאַלט.



N° 141 Juin 1973 (3)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# וואס הערט זיך אין דער קאמבאטאנטן-וועלט?

## (געלײַענט אין דער קאמבאטאנטן - פרעסע)

די קאמבאטאנטן־פרעסע קאמענטירט ברייט די נייע סיטואציע, וועלכע האט זיך געשאפן נאך די לעצטע פארלאמענט־וואלן. ווי באוווסט האבן די קאמבאטאנטן־ארגאניזאציעס, בעת דער וואל־קאמפאניע, נישט גענומען קיין שטעלונג פאר אזא, אדער אנדערער פאליטישער פארטיי. פארמולירנדיק זיין פראגראם פון פאדערונגען, האבן זיי גערופן זייערע מיטגלידער צו געדענקען וועגן אים אין מאמענט, ווען זיי וועלן ארײַנלייגן דאס וואל־צעטל אין דער אורנע, און וועגן דער באציאונג פון קאנדידאט צו די דאזיקע פאדערונגען.

אין פארלאמענט איז שוין פארגעקומען, אין אנפאנג מאי, די ערשטע קאמבאטאנטן־דעבאטע, אין וועלכער עס האט אנטיילגענומען א גרויסע צאל דעפוטאטן פון אלע ריכטונגען.

מיר וועלן זיך באמיען פארצושטעלן אונדזערע לייענער די אפרופן אין דער קאמבאטאנטן־פרעסע נוגע די דאזיקע, ווי אויך אנדערע פראבלעמען.

## נאך די וואלן

דער „פראן דע בארבעלע" שרייבט:

נאך די לעצטע וואלן איז די לאגע געווארן א קלארע. די דעפוטאטן גיבן זיך איצט אפ א חשבון פון דער טיפקייט פון דער אומצופרידנקייט אין די קאמבאטאנטן־רייען, ווייל זי איז ארויפגעשווומען אויף דער אויבערפלאך בעת דער וואל־קאמפאניע. די גאר גרויסע צאל בריוו, וועלכע מיר באקומען פון דעפוטאטן פון אלע ריכטונגען זענען א באווייז דערפון. זיי פארזיכערן אונז וועגן זייער גוטן ווילן, נעמען אויף זיך נייע פארפליכטונגען. זיי ווייסן אויך, אז עס וועט איצט זיין געפערלעכער די פארפליכטונגען נישט אויסצופירן.

דעריבער איז אונזער ריכטליניע א קלארע. אנהייבנדיק פון דער פעדעראלער אנפירונג ביז צו דער לאקאלער סעקציע דארף אונדזער אקציע זיין קאארדינירט. מיר האבן געשריבן צו אלע פארלאמענט־גרופן נוגע דער פראפעסיאנעלער רענטע צו 60 יאר, נוגע דער קאמבאטאנטן־רענטע, דעם 8־טן מאי און אנדערע קאמבאטאנטן־פאדערונגען.

עס בלייבט אונז צו זיין פאראייניקט, גרייט צום קאמף און וואכזאם".

די צייטונג מאכט דערביי א קורצן חשבון וועגן דער מעגלעכקייט אויסצובעסערן די לאגע פון די מלחמה־קרבנות. לויט דער אפיציעלער סטאטיסטיק איז די צאל געוועזענע קאמבאטאנטן, וואס באקומען א פולע רענטע געווען 819 טויזנט אין 1971 און בלויז 755 טויזנט אין 1972. עס זענען פארשוואונדן 64 טויזנט און די רעגירונג האט דערביי געוואונען 25 מיליאן 664 טויזנט נייע פראנק אין איין יאר, ווייל ווי באוווסט ווערן די נישט־אויסגעגעבענע סומעס נישט אויסגענוצט דורכן קאמבאטאנטן־מיניסטעריום. די העכערונג פון 15 פר., וואס עס האבן האיאר באקומען די קאמבאטאנטן פון צווייטן וועלט־קריג, מאכט אויס בלויז 2 מיליאן 400 טויזנט נייע פראנק. ווען מען וואלט געהעכערט די רענטע פון די לעצטע אויף 100 פראנק א יאר וואלט דאס אויסגעמאכט בלויז 8 מיליאן נייע פראנק און די צייטונג שרייבט:

„הער באָרד האט אזוי ארום גאנץ קלארע ארגומענטן כדי צו באקומען פון דער רעגירונג א נייע, אבער גרעסערע ווי די איצטיקע העכערונג פון דער לעכערלעך נידעריקער רענטע, וואס עס באקומען די קאמבאטאנטן פון צווייטן וועלט־קריג".

צו די אויבנדערמאנטע אויספירן גיט צו „לע ליען", די צייטונג פון די אמיקאלן פון די סטאלאגן 2 א.־צ. ד.־ע.:

„מיר זענען דעצידירט, מער ווי ביז איצט, צו מאנען, אז אונדזערע דרינגנדיקע פאדערונגען זאלן באקומען א לייזונג אין די נאענטסטע חדשים, ווייל פאר א סך פון אונז וועט נישט לאנג שוין זיין צו שפעט, ווייל זיי וועלן פשוט פארשווינדן.

דעריבער דארפן מיר אלע זיך באטראכטן אלס מאביליזירטע".

## קאמבאטאנטן־דעבאטע אין נאציאנאלער פארזאמלונג

די קאמבאטאנטן־וועלט האט מיט אומגעדולד געווארט אויף דער ערשטער קאמבאטאנטן־דעבאטע, וואס איז פארגעקומען אין דער נייער נאציאנאלער פארזאמלונג אין אנפאנג מאי. ווי האט זי אויסגעזען?

צוערשט האט דער קאמבאטאנטן־מיניסטער פארגעשטעלט דעם פראבלעם פון שטאנדפונקט פון דער רעגירונג. ער האט זיך ארויסגעזאגט פאר א צוזאמענארבעט מיט די רעפרעזענטאטיווע קאמבאטאנטן־ארגאניזאציעס. דאס באקומט אן אויסדרוק אין די ארבעט־קאמיסיעס, וווּ עס זיצן פארשטייער פון קאמבאטאנטן־מיניסטעריום און פון די פאראינטערעסירטע ארגאניזאציעס.

„א געזעלשאפט וואס שניידט זיך אפ פון איר פארגאנגענהייט, האט ער דערקלערט, אדער באטראכט די פארגאנגענהייט אלס א לאסט, קאן בלויז זיין א געזעלשאפט אן א נשמה. דעריבער האלט איך פאר מיין אויפגאבע אויפצוהאלטן דעם קאפיטאל פון געפיל, אידייאישקייט און ווערטן, וואס די קאמבאטאנטן־וועלט האט שטענדיק געשאנקען אלס מתנה דער נאציע..."

דער דעפוטאט בעקלער האט אויסגעדריקט די געפילן פון דער קאמבאטאנטן־וועלט אין פאלגנדיקע ווערטער:

„די געוועזענע קאמבאטאנטן נויטיקן זיך אין דער ערשטער ריי אין אכטונג. זיי האבן דאס געפיל, אז דאס לאנד און די רעגירונג פארגעסן וועגן זיי, פארנאכלעסיקן זיי. זיי פילן זיך שלעכט אין א וועלט, וואס טראכט בלויז וועגן היינטיקן טאג און וועגן דער צוקונפט און לאזט נישט איבער קיין פלאץ אויף צו פארנעמען זיך מיט דער פארגאנגענהייט".

דער דעפוטאט טורנע, וועלכער האט באריהרט אלע הויפט־פראבלעמען פון דער קאמבאטאנטן־וועלט, האט זיך באזונדערס אפגעשטעלט אויף דער פראגע פון גלייכהייט צווישן אלע קאמבאטאנטן.

„דער גרויסער שרייבער אנרי בארביס, האט ער אויסגערופן, האט שוין אין 1917, ווען עס האבן זיך אנגעהויבן שאפן ארגאניזאציעס פון געוועזענע קאמבאטאנטן, געזאגט, אז א פוס פון א געוויינלעכן סאלדאט האט דעם זעלבן ווערט, ווי דער פוס פון א גענעראל. דאס האט געדארפט באדייטן: פאר א גלייכן שאדן — א גלייכע פארגיטיקונג. אלע מלחמה־קרבנות זענען שטענדיק געווען געאייניקט נוגע דעם דאזיקן פרינציפ. אויב דאס געפיל פון פארביטערונג און אפילו פון צארן איז היינט אזוי גרויס אין די קאמבאטאנטן־רייען, איז דאס אין א גרויסער מאס צוליב דעם, וואס דער וויכטיקער פאר זיי פרינציפ ווערט נישט רעספעקטירט".

ארומרעדנדיק די פראגע פון פולער רענטע פאר געוועזענע קאמבאטאנטן ביי 60 יאר, האט דער דעפוטאט בראקאר דערקלערט:

„דער פראבלעם איז געווארן א פאליטישער. דאס געפיל פון אומגערעכטיקייט איז זייער שטארק. ווען די אומצופרידנקייט האט דערגרייכט אזא מדרגה קאסט דאס אפזאגן טייערער ווי נאכגעבן".

„פייערן דעם זיג פון די אלירטע — האט געזאגט זשילבער פאר אונטערשטיצנדיק די פאדערונג צוריקצושטעלן דעם 8־טן מאי אלס יום־טוב פרייען פון ארבעט — דאס הייסט אנערקענען, אז די וואס זענען געפאלן אין קאמף קעגן היטלער־דייטשלאנד זענען נישט געשטארבן בחינם; דאס הייסט אויך פייערן דעם שלום, פאר וועלכן זיי האבן אפגעגעבן זייער לעבן".

צוליב מאנגל אין פלאץ קאנען מיר נישט ברענגען אנדערע אינטערעסאנטע אינטערווענצן. יעדנפאלס האט די דיסקוסיע באוויזן, אז עס איז פאראן אין דער נאציאנאלער פארזאמלונג א גרעסערע צאל דעפוטאטן, וועלכע האבן א פארשטענדעניש פאר די קאמבאטאנטן־פאדערונגען. דער פראבלעם איז בלויז צי דער גוטער ווילן פון די דאזיקע דעפוטאטן וועט האבן א דעצידירנדיקע אויסווירקונג אויף דער רעגירונג.

## אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא אין דער קאמבאטאנטן־פרעסע

דער „רעווי דע קאמבאטאן", דער „פאטריאט רעזיסטאן" און א ריי אנדערע קאמבאטאנטן־צייטונגען רעדן ארום דעם אויפשטאנד און דערמאנען וועגן די פייערונגען אין פאריז. דער „זשורנאל דע קאמבאטאן" גיט א גרעסערע דאקומענטירטע אפהאנדלונג וועגן אויפשטאנד. ער ברענגט צווישן אנדערע, פאלגנדיקן אויסצוג פון ראפארט פון סטראאפן וועגן אנפאנג פון אויפשטאנד:

„ווען די אפעראציע (פון ליקווידירן דעם געטא באם. פון רעד.) האט זיך נאר אנגעהויבן האבן מיר זיך געפונען אונטער א געדיכטן און גוט־קאארדינירטן פייער פון די יידן און באנדיטן. דער טאנק און צוויי אויטא מיטראַיעזן זענען אדורכגעלעכערט געווארן מיט מאלאטאוו־קאקטײלס... אין אנבליק פון דער דאזיקער קאנטער־אטאקע זענען מיר געצוואונגען זיך צוריקצוציען".

דער אויטאר ציטירט א ריי ענלעכע דאקומענטן, וועלכע זאגן עדות וועגן דער העלדישקייט פון די געטא־קעמפער. ער ברענגט צום סוף אן אויסצוג פון סטראאפס ראפארט פון 16־טן מאי, אין וועלכן ער שרייבט:

„דער אמאליקער יידישער קווארטאל עקזיסטירט שוין נישט. די אקציע האט זיך פארענדיקט 20 אז. 15, ווען מיר האבן אויפגעריסן און עס איז געפלויגן אין די לופטן די ווארשעווער סינאגאגע".

אבער דער מחבר גיט צו:

„אין די חורבות זענען נאך געבליבן מענטשן, וואס האבן ווייטער געשטעלט א ווידערשטאנד. דער לעצטער קאמענדאנט יאנעק פיקא, איז געהרגעט געווארן בעת א קאמף דעם 7־טן יוני. דעם 15־טן אקטאבער שטעלן נאך באזונדערע בונקערס א ווידערשטאנד. עס איז נאך געקומען צו א צוזאמענשטויס אין יוני 1944, מער ווי א יאר נאכן אנפאנג פון אויפשטאנד און ערב דעם ווארשעווער אויפשטאנד".

## וויפל זענען מיר?

אין זיין רעדע אין דער נאציאנאלער פארזאמלונג האט דער קאמבאטאנטן־מיניסטער א. בארד איבערגעגעבן א ריי פרטים נוגע דער צאל געוועזענע קאמבאטאנטן און זייערע ארגאניזאציעס.

ער האט אנגעוויזן, אז זיין מיניסטעריום אונטערליגן 4 מיט א האלבן מיליאן געוועזענע קאמבאטאנטן און מלחמה־קרבנות. צווישן זיי געפינען זיך 700 טויזנט וועטעראנען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אלע האבן אריבער 75 יאר.

דער דורכשניט־עלטער פון די אנטיילנעמער און פון די קרבנות פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז 50 יאר. דערנאך קומען די פון אינדאכינע און פון נארד־אפריקע.

די צאל געוועזענע קאמבאטאנטן, וואס געניסן פון דער קאמבאטאנטן־רענטע האט אויסגעמאכט אין יאר 1972 — 915 טויזנט.

עס זענען פאראן אין פראנקרייך 300 ארגאניזאציעס פון געוועזענע פראנט־קעמפער און מלחמה־קרבנות.

## נייער קאמיטעט פון אונדזער „מוטיעל"

דער קאמיטעט פון „מיטיעל" ביי די געוועזענע יידישע פראנט־קעמפער, וועלכער איז אויסגעוויילט געווארן אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון 18־טן מערץ, האט אפגעהאלטן זיין ערשטע זיצונג, כדי צו באטראכטן די פארשלאגן און באשלוסן, וואס זענען אנגענומען געווארן אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג.

דער קאמיטעט האט באשלאסן צו פארענדיקן די ארבעטן אויף באניע אין משך פון דעם יאר.

דער קאמיטעט האט פארצייכנט דעם דערפאלג פון דער אלגעמיינער פארזאמלונג און דעם גרויסן אינטערעס, וואס די מיטגלידער האבן ארויסגעוויזן, אנטיילנעמענדיק צאלרייך אין דער דיסקוסיע נוגע אלע פראגן, וואס זענען געשטאנען אויפן טאג־ארדענונג.

עס איז באשלאסן געווארן אפצוהאלטן רעגולערע פערמאנענצן, כדי צו געבן א מעגלעכקייט אונזערע מיטגלידער צו דערליידיקן זייערע ענינים.

דער קאמיטעט זעט פארויס, אז די נאענטסטע אלגעמיינע פארזאמלונג וועט פארקומען מיט א רעפעראט אויף א יידישער ליטעראַרישער טעמע. ער מאכט א רוף צו אלע אונזערע מיטגלידער אנטיילצונעמען אקטיוו אין אלע אונטערנעמונגען פון פארבאנד.

דער קאמיטעט האט זיך קאנסטיטואירט אויף פאלגנדיקן אופן:

פרעזידענט — פערסטונסקי; וויצע־פרעזידענט — סאסעוויטש; סעקרעטאר — ארטענשטיין; קאסירער — פעלדמאן; פאנען־טרעגער — סקילאק; סאניטארן: גוטענשטיין און דיאמענט; „פרעזידאן דע פעט" — אווישער און הייטמאן.

סאציאלע קאמיסיע: פרויען ארטענשטיין, גוטענשטיין, שולמאן, סאר, שולמאן; קאמיטעט־מיטגלידער — קוויאט.

פאר דער פארוואלטונג
פ. ארטענשטיין

## פילם און טעאטער

(סוף פון זייט 6)

פרוי, וועלכער איז א פריזירערן, אן ארבעטס - מענטש און דערצו נאך א ׳מעטעק״ (אן אויסלענדער). מילא, דער געליבטער פון זיין פרוי איז אבער נאך מער דערפינדעריש און וועט סוף כל סוף דעמאסקירן דעם ענגלישן חוצפהדיקן „דזשענטעלמען", וואס פארשפילט אויף א מיאוסן אופן.

די מאראל איז, אז ווער עס גראבט אויף יענעם א גרוב, פאלט אליין אריין.

דאס שענסטע איז אבער דערביי די פיינע סובטעלע שפיל פון די צוויי ארטיסטן, ווי דאס זיינען לאראנס אליוויע און מיכאיל קעין. דער פילם פון זשאזעף מאנקיעוויטש איז נישט בלויז א מאראלישער און אנטי־ראסיסטישער פילם, נאר אויך זייער א שיינער און פארווײַלנדיקער, וואס האלט אין שפאנונג די גאנצע צייט.

„די לעצטע 10 טעג פון היטלערן"

דאקעגן איז דער ענגלישער פילם „די לעצטע 10 טעג פון היטלערן", וואס ווערט איז געוויזן אין פאריז שוין פון אן אנדערן שניט, ווייל ער צילט אים פארצושטעלן אין א צו גינסטיקן ליכט. אין ענגלאנד האט דער פילם ארויסגערופן א שטורעם פון פראטעסטן שוין צוליב דעם וואס דער ארטיסט אלעק גינעס, וואס שפילט די ראל פון היטלערן האט געפרווט אים פארצושטעלן ווי א מענטשן און נישט ווי אלס הויפט־מערדער פון מיליאנען מענטשן, דערונטער 6 מיליאן יידן.

### אין טעאטער

וואס שייך דעם טעאטער, צייכנט ער זיך דערווייל נישט אויס מיט גאר קיין גוטע פיעסן. דערפאר אבער רעקאמענדירן מיר צו גיין זען אין דער „רעי" (די שול פון דיווד „רע י״ „קאמעדי פראנסעז" „ל׳עקאל דע פאם" (די שול פון די פרויען) פון מאליערן, וועמענס 300־סטער געבוירנטאג עס ווערט איצט געפייערט אין פראנקרייך און אין דער וועלט, ווי אויך די פרעכטיקע פיעסע וועגן לעבן פון מאליערן אין „טעאטער דע לא קאמין", אין אבערווילייע, ביי פאריז.

דאס מיינט אבער נישט, אז עס פעלן פיעסן אין פאריז. א חוץ די צאלרייכע פארווײַלונגס־פיעסן, די וואס מען באצייכנט אלס בולווארד־פיעסן, איז ווערט צו זען: „דער ערשטער", א פיעסע פון איזראעל האראוויץ (אן אמעריקאנער יידישער אויטאר) אין טעאטער פאש־־מאנפארנאס" (75 בולווואר מאנפארנאס), „פראנק", אין ׳ט. ע. פ.״, פלאס גאמבעטא אא״וו.

מיר ציען אויך די אויפמערקזאמקייט אויפן פיינעם מעקסיקאנער באלעט אין „באבינא", ווו מען פארברענגט אן אנגענעמען אוונט פון פאלקלאר.



Nº 141 Juin 1973 (4)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

Coté CDJC 11284

p. 1

OCTOBRE 1973 - N° 142 Bimestriel

# Notre Volonté

Bulletin de l'Union des Engagés Volontaires et Anciens Combattants Juifs 1939-1945
58, rue du Château-d'Eau - PARIS-X° - Tél. : 607-49-26

A L'OCCASION DE LA NOUVELLE ANNEE JUIVE, NOUS ADRESSONS A NOS CAMARADES LES MEILLEURS VŒUX DE SANTE ET DE PROSPERITE, ET A ISRAEL NOS VŒUX ARDENTS DE PAIX.

## Pour exprimer notre solidarité avec Israël

### Notre Comité a versé 10 millions AF et a proclamé une campagne de collecte parmi nos adhérents

La direction de notre organisation a tenu une réunion extraordinaire le jeudi 11 octobre, en raison des événements graves au Proche-Orient.

Pour exprimer notre solidarité à Israël elle a décidé de verser 10 millions d'anciens francs et de proclamer une campagne de collecte parmi nos adhérents.

Nous sommes convaincus que nos camarades répondront à notre appel et contribueront ainsi au succès de cette campagne.

Des permanences seront ouvertes tous les jours de 14 heures à 20 heures sans interruption à notre siège, 58, rue du Château-d'Eau.

Vous pouvez adresser vos dons par un C.C.P. ou un chèque bancaire.

### Une lettre de remerciements

M. Raymond Lindon, Président du K.K.L., nous a fait parvenir la lettre qui suit :

**Notre directeur, M. Maurice Sern, m'a fait part de la remise d'un nouveau chèque de 30 000 F devant continuer la plantation d'une nouvelle forêt que vous avez commencée il y a deux ans.**

**Je connais, par notre bureau, l'intérêt constant que vous prenez à nos travaux en Israël, et je sais ce que vous avez fait à ce jour. Je ne puis que vous exprimer nos remerciements en tant que président du Keren Kayemeth de France, et vous prie de les transmettre à vos membres et à tous ceux qui, sous une forme quelconque, contribuent à œuvrer de cette façon positive en faveur de notre Institution.**

**Le Président,**
**Raymond LINDON.**

### Motion de l'U.F.A.C. sur le Proche-Orient

*Au moment où la détente internationale semblait permettre les plus grands espoirs,*

*L'Assemblée Générale de l'U.F.A.C.,*

*profondément bouleversée et inquiète de la reprise des hostilités au Proche-Orient,*

*Reprenant ses positions antérieures, rappelle que :*

*— Tout conflit doit être résolu par une solution négociée,*

*— Tout recours à la force dans les rapports internationaux doit être banni,*

*— La résolution 242, adoptée par le Conseil de Sécurité de l'O.N.U. en novembre 1967 reste l'unique base sur laquelle la Paix au Proche-Orient et la justice doivent reposer dans le respect du droit de tous les peuples de cette région à une vie libre et digne.*

*— Adjure le Conseil de Sécurité de l'O.N.U. et plus particulièrement les puissances qui sont en mesure d'intervenir efficacement auprès des antagonistes, en raison des relations qu'elles entretiennent avec chacun d'eux, de le faire sans retard.*

### COMMUNIQUE DU C.R.I.F.

« La guerre déclenchée par les Syro-Egyptiens accumule à nouveau au Proche-Orient ruines et souffrances. Poser la question, comme le fait M. Michel Jobert, de savoir si « remettre les pieds chez soi constitue forcément une agression imprévue » peut être interprété comme une justification implicite de l'agression, en contradiction avec la volonté réaffirmée de la diplomatie française de contribuer à la recherche de l'indispensable solution négociée au conflit du Proche-Orient.

« Le C.R.I.F. se doit de rappeler que depuis vingt-cinq ans, la destruction de l'Etat d'Israël par la force reste une constante de la politique suivie par les dirigeants arabes. C'est là la réalité et la seule évidence. »

« Le 9 octobre 1973.

### Nous prenons l'engagement de faire tout pour soutenir Israël dans le combat pour son existence

#### déclare notre président B. Pons au banquet du 7 octobre

La bouleversante nouvelle concernant l'offensive lancée, le 6 octobre 1973, par les Egyptiens sur le canal de Suez et par les Syriens sur le Golan, a fortement marqué le banquet que nous avons organisé, le 7 octobre à l'hôtel Hilton. Ce banquet était d'ailleurs placé sous le signe du 25[e] anniversaire de l'Etat d'Israël.

On lisait une tension mêlée d'inquiétude sur les visages des camarades arrivant au banquet. On ne parlait que des événements concernant cette nouvelle guerre.

Notre président, B. Pons, a exprimé ces sentiments dans sa brève allocution d'ouverture en disant, après avoir salué les membres fidèles et dévoués de notre organisation :

**« J'avais préparé un discours pour exalter le mouvement combattant, notre organisation et son activité dans tous les domaines. Je devais parler d'Israël, de ce miracle qu'était la naissance d'un Etat juif indépendant après deux mille ans de souffrances et des persécutions subies par notre peuple.**

**« Je ne le ferai pas.**

**« Les événements qui se déroulent au Moyen-Orient depuis hier nous bouleversent et nous préoccupent. Devant le danger qui menace l'Etat juif, je ne ferai qu'une brève déclaration. Au nom de l'Union des Engagés Volontaires et Anciens Combattants juifs, j'exprime à nouveau notre solidarité avec Israël. Nous prenons l'engagement de faire tout pour soutenir Israël dans le combat pour son existence. Comme en 1967, nous ferons notre devoir. Nous voulons espérer qu'un règlement pacifique du conflit israélo-arabe sera enfin trouvé. »**

Comme il a été prévu, notre trésorier, Léon Salamon, a remis à M. Stern, du K.K.L., le chèque de 3 millions d'anciens francs pour planter des arbres en Israël. M. Stern a rappelé les sentiments d'amitié qui le lient avec les camarades de captivité, il a aussi parlé des heures dramatiques que vit Israël au moment où nous nous réunissons et a remercié l'organisation pour le don qui permettra de planter 3 000 nouveaux arbres.

Le banquet s'est déroulé dans une ambiance d'amitié et d'espoir en la paix.

L'orchestre de Paul Fabre et son animatrice Rosita ont été très appréciés en interprétant des chansons folkloriques en yiddish et en hébreu.

Soulignons l'organisation impeccable du banquet, qui a contribué à resserrer les liens de fraternité et d'amitié entre les membres de notre organisation.

***

Nous nous excusons auprès de nos camarades à qui nous avons été obligés de refuser des cartes d'entrée à cause du manque de place.

La chaleur était insupportable, nous étions entassés, serrés comme des harengs dans un tonneau, sans manger, sans boire. Ma position n'était pas la pire. Je restais debout près de la porte et pouvais ainsi contempler le monde extérieur et respirer de l'air pur qui pénétrait par un petit trou rond. Après un certain temps, je remarquais que le train ralentissait. J'aperçus l'inscription « Nuremberg ». Le train s'arrêta. Juste devant notre wagon se tenait un soldat avec un aigle polonais à son képi et à côté de lui une grosse marmite et un tas d'assiettes en fer. Etant près de la porte je fus littéralement poussé par mes camarades vers la marmite. « Comment cela va-t-il, frère ? », demandai-je en polonais. Il me regarda étonné, mais apparamment content et répondit : « Bieda, bieda ! » (Cela va mal, mal.)

Juif, citoyen polonais de naissance, j'avais accumulé pas mal de souvenirs désagréables de ma cohabitation avec les Polonais. Mais la faim a ses secrets et j'ai immédiatement remarqué l'influence du mot magique « Bratche » (frère). Et peut-être la langue commune créa-t-elle des fils invisibles liant deux êtres humains dans le malheur. N'importe, le soldat poussa sa grosse cuillère jusqu'au fond de la marmite et en tira une assiette bien remplie de kacha.

Fortifiés par la soupe chaude et par un bout de pain que l'on nous ajouta, nous nous retrouvions à nouveau dans les wagons. A Mazburg, on nous rasa la tête et, après une douche, on nous photographia avec nos numéros et nous fûmes répartis dans des baraques. Les Français ont été envoyés en commando et nous, les Juifs, sommes restés au camp. Certains sont devenus traducteurs.

Quatre mois après, on nous amena au camp 383 à Hohenfels, où nous sommes restés jusqu'à la fin de la guerre. La petite ville située sur des monticules pas loin de la frontière tchèque et entourée de belles forêts est un lieu de vacances rêvées en période normale. Mais dans notre situation de forçats aux ventres creux, nous contemplions peu la beauté de la nature environnante. Je me souviens plutôt le triste et monotone écho de nos gros sabots en bois au petit matin, quand, par 30 degrés de froid, nous sortions nettoyer la neige couvrant la vaste place du camp avec une seule idée en tête : manger à notre faim. Je pense que, si nous avons survécu, ce n'est que parce que nous étions jeunes et nous nous nourrissions de l'air pur et d'un peu d'espoir.

Au printemps, quand des vents plus doux commencèrent à souffler, l'humeur s'améliora. C'était la période des patates. Quand on nous envoyait le dimanche pour une corvée chez un paysan, nous nous servions nous-mêmes des pommes de terre que nous cachions soigneusement dans les manches de nos vestes, dans les chaussettes et partout où cela était possible. Au camp on préparait, avec ce fruit de Parmentier, différents plats. Nous en mangions des quantités, au goût parfois suspect en nous promettant de ne plus y toucher après notre retour de captivité.

Dans ma baraque, n° 17, se trouvaient des Juifs de différents pays et d'un niveau culturel divers. Il y avait quelques intellectuels, notamment J. Chraguer, par la suite directeur de l'ORT en France et l'écricain B. Chlevine, de Paris. Mais la majorité était de gens simples. L'un d'eux, dont le nom m'échappe, mérite d'être mentionné. C'était un homme de cœur, vraiment chevaleresque. Il travaillait dans la cuisine et savait bien se débrouiller. Il venait souvent dans la baraque avec un pain, se promenait fièrement parmi nous en cherchant surtout des intellectuels et d'autres braves gens qu'il savait peu débrouillards et plus dépourvus que d'autres. Son œil ne le trompait jamais. Il s'approchait de chacun de ceux-là, lui tendait avec une autorité toute paternelle un morceau de pain avec les mots : « Tiens ! mange. »

Après l'agression hitlérienne contre l'Union Soviétique, différents groupes se formèrent : des linguistes, des ingénieurs, etc. On avait fabriqué un appareil de radio que l'on installa dans une baraque délaissée. Le soir, les informateurs apportaient des nouvelles toutes fraîches. « Ordre de Staline... Telle et telle ville a été reconquise... tant et tant de prisonniers capturés... » Cela nous insufflait de nouvelles forces. Les évasions se multiplièrent. On s'évadait du lieu de travail et du camp même. Pour chaque évasion nous supportions collectivement la peine. Les gardiens nous réveillaient la nuit, perquisitionnaient, nous insultaient. Mais chaque évasion réussie était un stimulant pour d'autres.

Je me rappelle comment nous avons organisé l'évasion de Chraguer. Nous construisions un camp pour des régiments, qui devaient effectuer ici des manœuvres avant de monter au front de l'Est. Notre équipe, dont faisait partie Chraguer, préparait un champ de tir long de 500 mètres. Le jour convenu, avant de sortir au travail, chacun de nous avait mis dans son sac un peu de ravitaillement ou un autre objet pouvant lui être utile et que nous devions lui remettre avant son évasion. Arrivés sur place et à peine commencions-nous à travailler, que nous entendîmes tout prêt de nous des cris de gendarmes : « Halte ! Halte », ainsi qu'un tir violent. Deux prisonniers de guerre français, qui tentaient de s'évader,, avaient été abattus par notre gardien. Une atmosphère de terreur s'ensuivit. Le gardien nous ordonna de mettre les sacs près de nous et de les ouvrir. Ainsi, cette première tentative échoua. Chraguer arriva néanmoins à s'évader avec un autre groupe.

Une autre tentative d'évasion manquée a laissé dans ma mémoire des souvenirs toujours vivants. La guerre durait déjà depuis quatre ans. Une équipe de trente personnes, dont je faisais partie, préparait une évasion en coupant les barbelés tout près de la forêt. Les gardiens s'étaient assoupis et nous étions en plein travail. Subitement nous entendîmes des sifflements, des hurlements et des bruits de motocycles. Des gestapistes motorisés nous entourèrent et nous ramenèrent dans les baraques. Une perquisition minutieuse dura toute la journée. Nos camarades détruisaient des lettres pouvant apparaître compromettantes, mâchaient et avalaient des petits bouts de papier. La gestapo confisqua toutes les boîtes de conserves en possession des détenus. Mais le plus pénible fut l'ordre de nous déshabiller. Nous restions tout nus, subissant une perquisition humiliante. Le jour suivant était une journée de jeûne. On nous photographia. Sur le dos de nos vêtements, les Allemands imprimèrent un cercle avec les lettres K.G. (Kriegsgefangener, prisonnier de guerre) pour rendre plus difficiles les évasions.

Un camarade espagnol a donné une explication satirique de ces deux syllabes : « Kein Gelt, Kein Glück, kaput Germania » (Pas d'argent, pas de chance, mais l'Allemagne est quand même perdue.)

Et les évasions continuèrent.

Imprimerie IM. PO., 65, rue du Fg-St-Denis, Paris (10e).

**Le Directeur : I. CLEITMAN**



<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

Decembre 1973 p. 4

# AU SUJET DU VIEILLISSEMENT DES PRISONNIERS DE GUERRE

Le « P.G. », organe de la Fédération des Anciens Combattants et Prisonniers de Guerre a publié au sujet du vieillissement précoce des Prisonniers de Guerre une étude documentée du professeur GRASSET, dont nous empruntons les passages suivants :

« Cependant à mesure que se développait l'étude de la pathologie de la captivité, on s'aperçut très rapidement que les principales affections dont souffraient les anciens prisonniers, présentaient de très notables différences de fréquence et de gravité avec les affections identiques observées dans une même tranche de **population civile aux mêmes âges**. Il était manifeste que **l'atteinte des prisonniers paraissait en règle générale, plus précoce et plus redoutable.** Tout se passait donc comme si les manifestations pathologiques et les perturbations générales observées étaient en avance de plusieurs années sur l'âge habituel. La notion d'un vieillissement prématuré commençait à s'imposer. Le Congrès de Bruxelles, en 1962, devait y consacrer une de ses trois séances de travail.

Nous empruntons à Lantheaume et à Catteau un résumé de ces travaux. Dans son étude extrêmement poussée sur les décès des anciens prisonniers de guerre et le problème du vieillissement précoce, le professeur Schenck (RAF) écrit :

« Si l'on calcule l'âge moyen de mortalité des anciens prisonniers pour les différentes maladies, et si l'on compare l'âge moyen effectif de mortalité dans la pyramide actuelle des âges de la population masculine, on reconnaît que les anciens prisonniers **meurent de maladie de cœur environ quinze ans plus tôt**, de maladies vasculaires ou du système nerveux central environ vingt ans plus tôt, de cirrhoses du foie à peu près neuf ans plus tôt et de tumeurs malignes quatorze ans plus tôt que la population servant de point de comparaison. Dans l'ensemble, ils **meurent douze ans avant l'âge qu'atteignent généralement les personnes touchées par ces maladies.** »

Kicic : « Comparant la morbidité et la mortalité des ex-prisonniers de guerre yougoslaves et de la population civile à identité d'âge, trouve chez les ex-prisonniers une morbidité deux fois plus élevée et une fréquence six fois plus grande des infarctus ».

Noordhoek Hegt (Hollande) : « a étudié le pourcentage de mortalité par infarctus du myocarde chez les anciens prisonniers de guerre et dans la population : il trouve 30 % de décès par thrombose coronarienne chez les ex-prisonniers de guerre, contre 13 % dans la population civile aux mêmes âges ».

S. Moric Perovic : « dans une étude sur les troubles psychiatriques chez les anciens prisonniers de guerre, nous donne des chiffres intéressants tant sur l'âge d'apparition des troubles que sur leurs pourcentages. Pour des troubles psychiques apparus entre 35 et 45 ans, il y a 50 % de cas chez les ex-prisonniers de guerre, contre 39 % chez les autres malades ; en ce qui concerne les névroses dépressives paranoïaques, il trouve un pourcentage de 30,2 % chez les ex-prisonniers de guerre de 17,9 % dans le reste de la population ».

Evaluant le vieillissement par des tests d'intelligence ou de perception, Hemuth (RAF) « trouve à âge égal, 42 % de sénescence précoce chez les ex-prisonniers de guerre contre 18 % chez les témoins ».

Se basant sur une athérosclérose grave, un état psychique déficient et un état général médiocre pour confirmer un état de vieillissement prématuré, H.J. Herberg (RAF) « a constaté ce vieillissement chez 179 ex-prisonniers de guerre sur 1 506 examinés, qu'est-à-dire 11,8 %. »

# NOUS ETIONS PRESENTS

■ Le 27 octobre dernier, à la cérémonie devant le Mémorial de la France Combattante au Mont-Valérien, à la mémoire de 4 500 patriotes assassinés par les Allemands pendant l'occupation, le Dr Gorovit et Kon, membres du Comité, représentaient notre Union, Ch. Bory portait le drapeau.

∴

■ A la cérémonie du 11 novembre du 20ᵉ arrondissement de Paris, participèrent les membres du Comité : R. Kon, S. Ser et L. Gutenstène.

∴

■ Les 17 et 18 novembre derniers au Congrès de l'A.R.A.C. le membre du Bureau, M. Kremski, représentait notre Union.

■ A la manifestation organisée le 22 octobre dernier par l'Amicale des Déportés Juifs, pour protester contre la profanation de la plaque commémorant les 30 000 victimes de la grande rafle du 16 juillet 1942 ont pris part de nombreux membres de notre organisation. On remarquait la présence d'Isi Blum, secrétaire général et des membres du Comité : L. Gutenstène et J. Uriewicz.

∴

■ Le 29 novembre dernier, à la cérémonie religieuse, organisée par le C.R.I.F. et le Consistoire Central, à la synagogue, rue de la Victoire, en l'honneur des héros israéliens tombés durant la guerre de Kippour, notre Union a été représentée avec son drapeau par le membre du Comité, Ch. Bory.

Nous adressons nos meilleurs vœux de santé et de prospérité à tous nos camarades à l'occasion de la nouvelle année.

# LES LIVRES

## GEORGES WELLERS

# L'ETOILE JAUNE A L'HEURE DE VICHY

L'auteur est maître de recherches au Centre national de la Recherche scientifique et dirige un laboratoire de recherches à la Faculté de Médecine de Paris. Arrêté avec de nombreux autres intellectuels juifs en 1941, il a connu les camps de Compiègne, de Drancy, d'Auschwitz et de Buchenwald. Rapatrié en 1945, il a fait paraître une série d'études concernant les divers aspects de la persécution des Juifs. **« L'Etoile jaune à l'heure de Vichy »** (1) est une sorte de synthèse de toutes ses recherches concernant ce problème.

Dans les deux premières parties, l'auteur analyse, en scientifique, la théorie raciste d'Hitler, trace un tableau des persécutions des Juifs allemands et autrichiens, dresse le bilan de la politique antisémite des Allemands et du gouvernement de Vichy au cours des années d'occupation.

A partir de la troisième partie — celle des camps — ce n'est plus seulement le scientifique qui apparaît, mais aussi le témoin oculaire et la victime. L'auteur se transforme en chroniqueur. Il décrit presque jour après jour la vie atroce des camps, les souffrances des internés et des déportés, les amitiés qui se nouaient aux camps, la solidarité, l'ignorance des victimes du sort que leur préparaient les bourreaux nazis, l'espoir de survivre pour pouvoir témoigner des atrocités hitlériennes, etc.

Dans la quatrième et dernière partie de son ouvrage, G. Wellers pose une série de problèmes qui sont toujours d'actualité, notamment, les internés connaissaient-ils le sort que les Allemands leur préparaient ? Les Juifs se sont-ils laissés égorger comme des moutons ? Quelle était l'attitude de la population française face aux persécutions des Juifs et autres.

Il y a dans ce livre des pages que l'on n'oubliera jamais, notamment celles concernant l'internement à Drancy et la déportation de quatre mille enfants juifs de 2 à 12 ans ; l'évacuation du camp d'Auschwitz-Monowitz, l'atmosphère hallucinante dans le « Petit Camp » de Buchenwald et autres.

Nous reproduisons ici un de ces épisodes.

∴

Dans la deuxième moitié du mois d'août, on amena à Drancy quatre mille enfants sans parents. Ces enfants avaient été arrêtés avec leurs parents le 16 juillet. Cinq jours plus tard, les parents et les enfants furent envoyés de Paris au camp de Pithiviers. Là, on sépara les enfants des parents. On déporta les parents directement de Pithiviers et on envoya les enfants par groupes de mille, mêlés à deux cents adultes étrangers à Drancy.

Ces enfants étaient âgés de deux à douze ans. On les déchargea des autobus au milieu de la cour, comme de petites bestioles. Les autobus arrivaient avec des agents sur les plateformes, les barbelés étaient gardés par un détachement de gendarmes. La majorité des gendarmes ne cachait pas leur sincère émotion devant le spectacle, ni le dégoût pour le travail qu'on leur faisait faire.

Les enfants descendaient des autobus et aussitôt les plus grands prenaient par la main les tout-petits et ne les lâchaient plus pendant le court voyage vers les chambrées.

Dans l'escalier, les plus âgés prenaient sur leurs bras les plus petits et, essoufflés, les montaient au quatrième étage. Là, ils restaient les uns à côté des autres, comme un petit troupeau apeuré, hésitant longtemps avant de s'asseoir sur les matelas d'une saleté repoussante. La plupart ne savaient plus où étaient leurs bagages. Le petit nombre de ceux qui avaient eu la présence d'esprit de les prendre à la descente des autobus restaient embarrassés par leur balluchon informe. Pendant ce temps, on entassait d'autres petits balluchons dans la cour et, quand le déchargement fut terminé, les enfants descendirent dans la cour pour chercher leur bien. Ces petits paquets sans nom étaient vraiment difficiles à reconnaître, et pendant longtemps les enfants de quatre, cinq, six ans, se promenèrent parmi eux croyant à chaque instant retrouver le leur. Ils examinaient rapidement le contenu et, tout surpris de trouver un petit pantalon ou une petite robe qui n'était pas à eux, restaient perplexes et découragés. Malgré l'immensité de leur malheur, ils reprenaient courage et recommençaient leurs recherches. Il n'y avait pas de disputes, il n'y avait pas de contestations entre eux. Au contraire, ils s'aidaient les uns les autres de mille façons différentes, mais toujours bouleversantes pour le spectateur. Après de nombreuses tentatives infructueuses, ils finissaient par abandonner la partie et restaient dans la cour sans savoir quoi faire. Ceux qui voulaient remonter dans les chambres, souvent ne savaient plus à laquelle ils appartenaient. Alors, très poliment, d'une voix douce et suppliante, ils disaient : « Monsieur, je ne sais pas où est restée ma petite sœur, peut-être a-t-elle peur de rester toute seule. » Alors, on prenait par la main les plus grands, on prenait sur les bras les petits et on les promenait à travers les chambrées des trois escaliers différents jusqu'à ce qu'on ait retrouvé la petite sœur ou le petit frère. La réunion était alors d'une tendresse dont seuls les enfants dans le malheur ont le secret.

Dès l'arrivée du premier groupe d'enfants, se constituèrent trois équipes de femmes volontaires pour s'occuper d'eux. Ces femmes, presque toutes vouées à une proche déportation, dépourvues de tout, lavaient les plus petits avec leur propre savon, les essuyaient avec leur propre mouchoir, se levaient avant tout le monde et, sans avoir mangé, allaient distribuer le café aux enfants et le faisaient boire aux petits, incapables de tenir le bol chaud dans leurs petites mains. A midi et vers 6 heures du soir, ces mêmes femmes couraient pour leur donner la soupe aux choux et restaient parfois tard dans la soirée avec les enfants pour leur confectionner un semblant de couche pour la nuit. Mais tout cet admirable travail n'était qu'une goutte d'eau dans un océan : les enfants se trouvaient par cent dans les chambrées. On leur mettait des seaux hygiéniques sur le palier, puisque nombre d'entre eux ne pouvaient descendre le long et incommode escalier pour aller aux cabinets. Les petits, incapables d'aller tout seuls, attendaient avec désespoir l'aide d'une femme volontaire ou d'un autre enfant. C'était l'époque de la soupe aux choux à Drancy. Cette soupe n'était pas mauvaise, mais nullement adaptée aux estomacs enfantins. Très rapidement, tous les enfants souffrirent d'une terrible diarrhée. Ils salissaient leurs vêtements, ils salissaient les matelas sur lesquels ils restaient jour et nuit. Faute de savon, on rinçait le linge sale à l'eau froide et l'enfant, presque nu, attendait que son linge fût séché. Quelques heures après, un nouvel accident, tout était à recommencer.

Les tout-petits ne connaissaient souvent pas leur nom, alors on interrogeait les camarades, qui donnaient quelques renseignements. Les noms et prénoms, ainsi établis, étaient inscrits sur un petit médaillon de bois, qu'on accrochait au cou de l'enfant. Parfois, quelques heures après, on voyait un petit garçon avec un médaillon portant le prénom de Jacqueline ou de Monique. Les enfants jouaient avec ces médaillons et les échangeaient entre eux.

Chaque nuit, de l'autre côté du camp, on entendait sans interruption les pleurs des enfants désespérés et, de temps en temps, les appels et les cris aigus des enfants qui ne se possédaient plus.

∴

... Nous montâmes au premier étage.

La chambre contenait cent dix enfants âgés de deux à douze ans. Quelques femmes des équipes de monitrices volontaires lavaient à l'eau froide et sans savon le linge souillé des enfants. D'autres essayaient de calmer les petits qui pleuraient, elles mettaient un peu d'ordre dans leurs vêtements sales et déchirés, elles lavaient à l'eau froide les croûtes des boutons pirulents qui couvraient leurs petits corps et elles empêchaient les enfants de gratter jusqu'au sang leurs innombrables piqûres de puces et de punaises. Les cris et les pleurs remplissaient le local. L'atmosphère était empuantie et irrespirable. Un garçon de sept à huit ans, aux boucles ébouriffées, portait une coquette petite veste déchirée aux épaules, mais sale, avec des boutons arrachés, le pied gauche chaussé d'un bon soulier et le pied droit nu, restant immobile près de la porte.

A quelques pas de là, deux sœurs se tenaient sur un matelas posé par terre. L'aînée avait environ douze ans, l'autre quatre ou cinq. Cette dernière dormait, la tête sur la toile du matelas, souillé d'excréments...

∴

La veille de la déportation, les enfants passèrent par la fouille, comme tout le monde. Les garçons et fillettes de deux ou trois ans entraient avec leur petit paquet dans la baraque de la fouille où les inspecteurs de la P.Q.J. (1) fouillaient soigneusement les bagages et faisaient ressortir les enfants avec leurs baluchons défaits. On avait installé près de la porte de sortie une table où, toute la journée des hommes volontaires refaisaient, tant bien que mal, les paquets des enfants. Les petites broches, les boucles d'oreilles et les petits bracelets des fillettes étaient confisqués par les P.Q.J. Un jour, une fillette de dix ans sortit de la baraque avec une oreille en sang parce que le fouilleur lui avait arraché la boucle d'oreille, que, dans sa terreur, elle n'arrivait pas à enlever assez rapidement.

Le jour de la déportation, les enfants étaient réveillés à 5 heures du matin et on les habillait dans la demi-obscurité. Il faisait souvent frais à 5 heures du matin, presque tous les enfants descendaient dans la cour très légèrement vêtus. Réveillés brusquement dans la nuit, morts de sommeil, les petits commençaient à pleurer et peu à peu les autres les imitaient. Ils ne voulaient pas descendre dans la cour, se débattaient, ne se laissaient pas habiller. Il arrivait parfois que toute une chambrée de cent enfants, comme prise de panique et d'affolement invincibles, n'écoutaient plus les paroles d'apaisement des grandes personnes, incapables de les faire descendre ; alors on appelait les gendarmes qui descendaient dans leurs bras les enfants hurlant de terreur.

Puis, débouts dans la cour, ils attendaient leur tour d'être appelés, souvent en répondant mal à l'appel de leur nom. Les aînés tenaient les petits par la main et ne les lâchaient pas. Dans chaque convoi, il y avait un certain nombre d'enfants qu'on ajoutait pour terminer ; c'était ceux dont les noms étaient inconnus. Ces derniers étaient marqués sur la liste par des points d'interrogation. Cela n'avait pas beaucoup d'importance : il est douteux que la moitié des malheureux bambins ait pu supporter le voyage et les survivants étaient sans doute détruits dès leur arrivée.

Ainsi, quatre mille enfants sans parents ont été déportés de Drancy en deux semaines. Cela se passait dans la seconde moitié du mois d'août 1942.

(1) Editions Fayard, 1973.

(1) Police des Questions Juives.



<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

דעם 24טן דעצעמבער אין האָטעל הילטאָן
18, avenue de Suffren, 75015 PARIS
29טער נאַכט-באַל
פון אונדזער פאַרבאַנד
פון 10 אוונט ביז 5 פרי
מיטן גרויסן אָרקעסטער פון אייפעל־טורעם
אָנגעפירט דורך
פאל פאבר
אין אַרטיסטישן פּראָגראַם
די זינגערין ראזיטא
אין איר רייכן רעפּערטואַר פון
יידישע און העבּרעאישע פאָלקלאָר־לידער
איינטריט 30 פראַנק
באַזאָרגט אייך פון פריִוס מיט פּלעצער ביי די טישן
U.E.V.A.C.J., 58, rue du Château-d'Eau
75010 PARIS - Téléphone : 607-49-26

# אונזער ווילן
אָרגאַן פון פאַרבאַנד פון די געוו. יידישע פראַנט=קעמפער

## 30 יאָר קאָמבאַטאַנטן-פאַרבאַנד

דאָס יאָר 1974 וועט אָפּמערקן געשיכטלעכע דאַטעס. נאָך דער צעשמעטערנדיקער מפּלה, וואָס די היטלער־אַרמייען האָבן געליטן אין דער שלאַכט ביי סטאַלינגראַד, ענדע 1942, האָט די לייטונג פון די אַלירטע אַרמייען דעם 6־טן יוני 1944 אין נאָרמאַנדיע געעפנט דעם אַזוי לאַנג דערוואַרטעטן 2־טן פראָנט. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון די דעצידירנדיקע שלאַכטן, וואָס האָבן געפירט צו דער באַפרייאונג פון פראַנקרייך פון נאַצישן אָקופּאַנט.

באַלד נאָכדעם, ווי דער שונא איז פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד אין אויגוסט־סעפּטעמבער 1944 האָבן זיך אָנגעהויבן גרופּירן די געוועזענע קעמפער, פון פראָנט און פון דער רעזיסטאַנס, די אָפּגעראַטעוועטע פון די קאָנצענטראַציע - לאַגערן ווי אויך אַלע קריגס־קרבנות.

די יידישע קאָמבאַטאַנטן האָבן געשאַפן זייער אייגענע אָרגאַניזאַציע בכדי צו פאַרטיידיקן זייערע ספּעציעלע אינטערעסן.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין דער ערשטער ריי צוריק אויפצושטעלן די צעבראָכענע היימען; צו אַנטוויקלען אַ ברייטע סאָציאַלע־סאָלידאַריטעט־אַקטיוויטעט; צו זאָרגן פאַר די פאַרבליבענע קריגס־אַלמנות און יתומים; צו באַערן אונדזערע געפאַלענע און אומגעקומענע ברידער און שוועסטער; צו פאַרטיידיקן די טאָג־טעגלעכע רעכט פון די מיטגלידער.

אַ וויכטיק אָרט האָט געדאַרפט פאַרנעמען, טראָץ היטלערס מפּלה, דער קאַמף קעגן אויפוואַכנדיקן אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם, ווייל די נאַצישע רעוואַנשיסטן האָבן נישט געהאַט בדעה צו קאַפּיטולירן און אַוועקצולייגן דאָס פאַרסמטע ראַסיסטישע געווער...

אין 1974, אין איניקע חדשים אַרום וועט אויף אַ פייערלעכן אופן אָפּגעמערקט ווערן די דאַטע פון 30 יאָר עקזיסטענץ פון אונדזער פאַרבאַנד. דער קאָמיטעט וועט קומען מיט אַ פּראָגראַם, מיט פּרטים, וועגן אופן ווי אַזוי צו פייערן דעם דאָזיקן וויכטיקן יובילײ.

ער וועט אונטערציען אַ סך־הכל פון דער דרייסיק־יאָריקער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע אויף די פאַרשידנסטע געביטן און וועט אַרויספירן אַ חשבון הנפש און זען אויף וויפל דער פאַרבאַנד איז געבליבן טריי דער שליחות מיט וועלכע ער איז געוואָרן באַאויפטראָגט באַלד ביי זיין אַנטשטייאונג.

מיר וועלן זיך, צו דער געהעריקער צייט, אומקערן צו דער דאָזיקער פראַגע און זי באַהאַנדלען ברייטער.

אָבער שוין היינט קאָנען מיר פעסטשטעלן, לאָמיר זאָגן אָן וועלכער עס איז פאַלשער באַשיידנקייט, אַז די רעזולטאַטן זיינען פּאָזיטיווע, אַז דער פאַרבאַנד איז געשטאַנען שטענדיק אויף דער הויך פון זיינע אויפגאַבן, אַז ער האָט דעראָבערט אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע אין יידיש־רעדנדיקן סעקטאָר פון דער פראַנצויזישער יידישער באַפעלקערונג. ער האָט זיך דערוואָרבן אַ בכבודיק פלאַץ אין דער אַלגעמיינער קאָמבאַטאַנטן־באַוועגונג אין לאַנד.

דער פאַרבאַנד האָט געגעבן, זינט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל, זיין מאַטעריעלע הילף, וועלכע איז געוואָרן אַ רעגולערע זינט 25 יאָר. אָבער צוגלייך מיט דער מאַטעריעלער אונטערשטיצונג איז אויך געקומען צום אויסדרוק ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן די מאָראַלישע סאָלידאַריטעט.

נישט אומזיסט זיינען די מיטגלידער פון פאַרבאַנד שטאָלץ מיט זייער אָרגאַניזאַציע. זיי לעבן דאָ זיך אויס ווי אין אַן אייגענער משפּחה. זיי ווייזן אַרויס זייער צוגעבונדנקייט צום פאַרבאַנד ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. זיי זיינען פעסט געאייניקט און זיי האָבן עס אַרויסגעוויזן אין פיל שווערע מאָמענטן, וואָס דער פאַרבאַנד האָט אַדורכגעמאַכט זינט זיין עקזיסטענץ.

צום 30־יאָריקן יובילײ וועלן זיי מיט נאָך מער פריינטשאַפט און מיט ליבע, שמידן די אייניקייט פונקט ווי זיי האָבן עס געטאָן אין די איבונגס־לאַגערן, אויף די שלאַכט-פעלדער אָדער אין דער געפאַנגענשאַפט אין היטלער־דייטשלאַנד.

מיר וועלן אַלץ טאָן בכדי דער 30־יאָריקער יובילײ פון אונדזער פאַרבאַנד זאָל געפייערט ווערן אויף אַ ווירדיקן אופן.

## 23 מיליאָן אַלטע פראַנק איינגעצאַלט פאַר ישראל

ווי באַקאַנט האָט אונדזער פאַרבאַנד זיך באַשטייערט מיט 10 מיליאָן אַלטע פר. און פּראָקלאַמירט אַ זאַמלונג צווישן די מיטגלידער וועלכע האָט שוין אַריינגעבראַכט קנאַפּע צען מיליאָן.

ווען מען רעכנט צו די דריי מיליאָן, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם קרן קימת במשך פון זעלבן פּעריאָד באַקומט זיך די סומע פון 23 מיליאָן אַלטע פראַנק אַלס גלאָבאַלער ביישטייער פון אונדזער פאַרבאַנד לטובת ישראל, במשך פון דער יום־כיפּור־מלחמה.

## ווערט פון פונקט 13,41 פראַנק

אין רעזולטאַט פון אַ ריי העכערונגען פון די לוינען פון די מלוכה־פונקציאָנערן האָט דער פונקט פון די מיליטערישע פּענסיעס דערגרייכט די ווערט פון 13,41 פראַנק.

דאָס איז גילטיק זינט דעם מאָנאַט אָקטאָבער 1973.

## פּעקלעך פאַר יידישע זעלנער

די סאָציאַלע קאָמיסיע ביים יידישן קאָמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד דערמאָנט, אַז זי שיקט פּעקלעך צו יידישע סאָלדאַטן, וועלכע דינען אין דער פראַנצויזישער אַרמײ.

עס איז גענוג אַריינצושיקן אין ביוראָ פון אונדזער פאַרבאַנד דעם אַדרעס פון זעלנער און דער ענין ווערט גלייך דערלעדיקט.

## יידישע קאָמבאַטאַנטן קעגן טעטיקייט פון ראַסיסטישע אָרגאַניזאַציעס

די ראַסיסטישע אָרגאַניזאַציע „אָרדר נוואָ” איז אין יוני אויפגעלייזט געוואָרן דורך דער רעגירונג.

אָבער זי באַמיט זיך איבערצוגרופּירן אירע כוחות און טרעט אַרויס אַלץ חוצפּהדיקער אונטער פאַרשידענע אַנדערע נעמען, פאַרשטענדלעך מיט דעם זעלבן ראַסיסטיש־רעאַקציאָנערן אינהאַלט. זיי רופן אַרויס אַוואַנטורעס אין די אוניווערסיטעטן, אָרגאַניזירן מיטינגען אין די רייכע קוואַרטאַלן פון פּאַריז און איר אומגעגנט. זיי זאָגן אָן אַ צענטראַלן מיטינג אין „מיטיאַליטע” אויפן 19־טן דעצעמבער פאַר אונטערשטיצן די מיליטערישע כונטע, וואָס האָט אין בלוט דערטרונקען די פאָלקס־רעגירונג אין טשילי קעגן די איינגעוואַנדערטע אַרבעטער און אַזוי ווייטער.

די קאָמבאַטאַנטן־וועלט, אַזוי ווי אַלע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס פאָלגט נאָך מיט אומרו די טעטיקייט פון די פאַרבאָטענע פאַשיסטישע גרופּירונגען.

די פּערמאַנענטע שטעלונג פון די יידישע קאָמבאַטאַנטן איז: אויפלייזונג פון אַלע ראַסיסטיש־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין וועלכער פאָרם זיי זאָלן זיך נישט באַווייזן, שטרענגער פאַרבאָט פון זייערע שעדלעכע טעטיקייטן

## ביוראָ פון פאַרבאַנד רופט צו וואַכזאַמקייט אין דער פראַגע קלאַוס באַרבי

אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען פון ביוראָ, איז אַרומגערעדט געוואָרן צווי״א די פראַגע פון דער באַפרייאונג פון נאַצי־הענקער פון ליאָן, קלאַוס באַרבי, וועלכער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורכן פראַנצויזישן געריכט.

זייט אַ לענגערער צייט פאָדערט די גאַנצע קאָמבאַטאַנטן־וועלט צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַטריאָטישע אָרגאַניזאַציעס, אויפן סמך פון ד י ב אַ ש ל ו ס ן פון דער אנ״ו נוגע די קריגס־פאַרברעכער, אַז באַרבי זאָל אויסגעליפערט ווערן פראַנקרייך. אַלע ביז איצטיקע אָנשטרענגונגען האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן. די לעצטע באַפרייאונג איז אַ ווייטערדיקער שריט לטובת דעם קריגס־פאַרברעכער.

די ביוראָ פון יידישן קאָמבאַטאַנטן־פאַרבאַנד רופט דעריבער צו וואַכזאַמקייט. אונדזער פאַרבאַנד וועט צוזאַמען מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס אָנגעשלאָסענע אין פאַרבינדונגס־קאָמיטעט פאַר דער עקסטראַדאַציע פון באַרבי, מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, כדי דער פאַרברעכער זאָל איבערגעגעבן ווערן דעם פראַנצויזישן געריכט.

## ד״ר אַוועברוך מער נישטאָ

שבת, דעם 24־טן נאָוועמבער, איז געשטאָרבן אין עלטער פון 77 יאָר ד״ר מישעל אַוועבוך.

ד״ר אַוועבוך איז געווען אַ גרויסער פריינט פון אונדזער פאַרבאַנד.

די לעצטע צייט האָט ער מיטגעאַרבעט אין „אונדזער ווילן”, שרייבנדיק פאַר דער צייטונג די מעדיצינישע אַרטיקלען.

כבוד זיין אָנדענק.

## פאַרשרייבט אייך באַצייטנס אויב איר ווילט פאָרן אין אונזער אפרו-הויז פון לעוועס

דער ווינטער־סעזאָן דערנעענטערט זיך, אין עטלעכע טעג אַרום וועלן פאָרקומען די יום־טובים פון ענדע יאָר 1973.

ווי יעדעס יאָר אין דער צייט, איז די צאָל קאַנדידאַטן צו פאַרברענגען זייער קאָנוואַלעסצענץ אין אונדזער אָפּרו־הויז אין לעוועס אַ גרויסע.

מיר ווענדן זיך דעריבער צו אונדזערע מיטגלידער, זיי זאָלן נישט וואַרטן אויפן לעצטן מאָמענט און זיך באַצייטנס באַזאָרגן מיט אַ פלאַץ, אויב זיי ווילן פאַרברענגען זייער אָפּרו אין די ווינטער־חדשים אין „לאָריע ראָז”.

פאַרשרייבונגען ווערן אָנגענומען יעדן נאָכמיטאָג אין אונדזער ביוראָ, 58 רי די שאַטאָ ד'אָ טעל. 607-49-26.

N° 143 Décembre 1973 (1)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

# וואס הערט זיך אין דער קאמבאטאנטן־וועלט ?

## פארלאמענט־דעבאטע נוגע דעם קאמבאטאנטן־בודזשעט

פרייטיק, דעם 8־טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג די דיסקוסיע וועגן קאָמבאַטאַנטן־בודזשעט.

די באַדינגונגען, אין וועלכע דער בודזשעט איז דיסקוטירט און אָפּגעשטימט געוואָרן, זענען נישט געווען גינסטיקע פאַרן קאָמבאַטאַנטן־מיניסטער.

שוין פאַר דער דיסקוסיע האָט די פינאַנץ־קאָמיסיע זיך אַרויסגעזאָגט קעגן פראָיעקט פון מיניסטער, האַלטנדיק אַז ער איז נישט קיין גענוגנדיקער און נישט גינסטיקער פאַר די געוועזענע קאָמבאַטאַנטן. זי האָט איר שטעלונג אויפגעהאַלטן ביז צום סוף, ־ערקלערנדיק דאָס פאַר דער אָפּשטימונג.

## באריכטן פון די ראפארט־אפגעבער

דער ראַפּאָרט־אָפּגעבער פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע, זשיניו, האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער בודזשעט זעט נישט פאָר קיין וועזנטלעכע אויסבעסערונגען פון די מלחמה־פּענסיעס. דאָס זעלבע האָט דערקלערט דער ראַפּאָרט־אָפּגעבער פון דער סאָציאַלער קאָמיסיע. ביידע האָבן אויפגעפאָדערט דעם קאָמבאַטאַנטן־מיניסטער פאָרצושטעלן דעם פאַרלאַמענט נייע פאָרשלאָגן.

דער דעפּוטאַט זשיניו האָט צ. אַ. דערקלערט :

„ס'זענען פאַראַן צוויי קאַטעגאָריעס קאָמבאַטאַנטן ־ פּראָבלעמען. אַזעלכע, וואָס פאָדערן נישט קיין אויסגאַבן פון קאָמבאַטאַנטן ־ מיניסטעריום, ווי למשל, עלטער־רענטע פאַר קריגס־געפאַנגענע און קאָמבאַטאַנטן ביי 60 יאָר, אַנערקענען די רעכט פון קאָמבאַטאַנטן פאַר די וואָס האָבן געקעמפט אין נאָרד־אַפריקע. די דאָזיקע פראַגן זענען דערליידיקט געוואָרן.

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן די פראַגן, וואָס פאָדערן אויסגאַבן פון קאָמבאַטאַנטן־מיניסטעריום. כדי זיי צו לייזן זענען נישט נויטיק קיין גרויסע קרעדיטן. ס'איז דעריבער דענערווירנדיק מען זאָל דאָ זיך אָנשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן, אין דער צייט וואָס מען האָט דערלעדיקט די שווערסטע פראַגן.

דעריבער האָט די פינאַנץ־קאָמיסיע אויף מיין פאָרלאַנג אָפּגעוואָרפן די קרעדיטן פון קאָמבאַטאַנטן־מיניסטעריום.״

און דער דעפּוטאַט בערא, באַריכט־אָפּגעבער פון דער קאָמיסיע פאַר קולטורעלע, פאַמיליאַלע און סאָציאַלע פראַגן האָט אויסגערעכנט וועלכע פראַגן עס דאַרפן דורכאויס דרינגענד דערלעדיקט ווערן : העכערן די פּענסיע פון די קריגס־אַלמנות, פאַרשרייבן די עלטערן פון אומגעקומענע אין דער מלחמה אין סעקיוריטע סאָסיאַל נישט אָנהייבנדיק פון 70 יאָר נאָר פון 65, אויסגלייכן די קאָמבאַטאַנטן־רענטע פון די קעמפער פון ביידע וועלט־מלחמות.

### נייע צוזאָגן פון קאָמבאַטאַנטן־מיניסטער

ענטפערנדיק די צוויי ראַפּאָרט־אָפּגעבער האָט דער מיניסטער אָנגעוויזן, אַז דאָס קאָמבאַטאַנטן ־ מיניסטעריום איז דאָס איינציקע, ווו 87 פּראָצענט קרעדיטן זענען באַשטימט פאַר די, וואָס געניסן פון זיי און בלויז 13 פּראָצענט זענען באַשטימט פאַר דער אַדמיניסטראַציע. ער האָט אויך דערקלערט, אַז אַ בודזשעט פון 8 מיליאַרד פראַנק איז נישט קיין קלייניקייט.

ער האָט אויך געמאַכט אַ ריי צוזאָגן.

— די פּענסיעס פון די אַלמנות אין דער עלטער פון אַריבער 60 יאָר וועלן געהעכערט ווערן ביז 500 פונקטן. אַזאַ איז די פאָדערונג פון די קאָמבאַטאַנטן־אָרגאַניזאַציעס. פון דעם וועלן געניסן אַרום 36 טויזנט פּערזאָן. דאָס וועט קאָסטן 19 מיליאָן פראַנק.

— די עלטערן פון געפאַלענע אין דער מלחמה אין דער עלטער פון אַריבער 60 יאָר וועלן געניסן פון דער סעקוריטע סאָסיאַל. פון דעם וועלן געניסן 1255 טויזנט פּערזאָן. דאָס וועט קאָסטן 6 מיליאָן פראַנק.

אַזוי אַרום האָט דער מיניסטער נאָכגעגעבן אין פּרינציפּ אין צוויי פראַגן, וועלכע זענען פאַרשריבן אין פּראָגראַם פון „אופאַק״.

וואָס עס איז נוגע דעם אויסגלייכן די קאָמבאַטאַנטן־רענטעס, האָט ער צוגעזאָגט אַז דאָס וועט פאָרקומען פאַרן יאָר 1978.

ער האָט אָבער נישט באַרירט אַ ריי וועזנטלעכע פּראָבלעמען, ווי למשל די פראַגע פון „ראַפּאָר קאָנסטאַן״, לויט וועלכן די קאָמבאַטאַנטן־פּענסיעס האָבן אין 1973 געדאַרפט זיין כמעט מיט 30 פּראָצענט העכער, ווי זיי זענען אין דער ווירקלעכקייט.

ער האָט אויך אָפּגעוואָרפן דעם פּלאַן פון „אופאַק״, וועלכער שלאָגט פאָר צו לייזן שטופנווייז אין 4 יאָר די וועזנטלעכסטע פּראָבלעמען, כדי נישט צו בינדן די הענט דער רעגירונג.

זיינע נייע פאָרשלאָגן, האָט דער מיניסטער געזאָגט, האָט ער געמאַכט אויף דער פאָדערונג פון די דעפּוטאַטן פון דער רעגירונג־מערהייט.

# די דיסקוסיע

אין דער דיסקוסיע האָבן אָנטיילגענומען 30 דעפּוטאַטן.

דער דעפּוטאַט זשילבער פאָר איז אַרויסגעטרעטן קעגן אופן פון דערלעדיקן דעם פּראָבלעם. „איר שלאָגט אונז פאָר אַ „שטומען״ בודזשעט. איר זאָגט, אַז איר וועט צוגעבן 25 מיליאָן פראַנק, אָבער איר האָט נישט געגעבן קיין שום דעטאַלן אַלע דעפּוטאַטן״.

דער דעפּוטאַט בעקלער באַרירט די וויכטיקע פראַגע פון „ראַפּאָר קאָנסטאַן״.

„עס איז אַבסאָלוט נויטיק, הער מיניסטער, אַז איר זאָלט שטויסן די אַרבעט־גרופּע שנעל צו באַשטימען די נויטיקע און אויטאָמאַטישע קריטעריע. דערנאָך וועט איר קאָנען אינפאָרמירן וועגן די מאָסמיטלען בנוגע די מלחמה־פּענסיעס ביז 1978.

די דאָזיקע צוויי מאָסמיטלען וואָלטען שוין אין אַ גרויסער מאָס באַפרידיקט די קאָמבאַטאַנטן־וועלט״.

דעפּוטאַט גערמעראָור :

„אייער בודזשעט וואָלט געקאָנט זיכער זיין אַ שענערער. צו דעם זענען נויטיק נאָך אַ פּאָר צענדליק מיליאָן פראַנק״.

דעפּ. מאָריס נילעס :

„אייער עקספּאָזע האָט אונז נישט איבערצייגט. איר ווייסט דאָס גאַנץ גוט. מיר זענען נישט די איינציקע. איר וואַרפט אָפּ דעם 4 יאָר־פּלאַן. איר ווילט בעסער פון צייט צו צייט צוּוואַרפן עפּעס די געוועזענע קאָמבאַ קאָמבאַטאַנטן, איבערלאָזנדיק דער רעגירונג פרייע הענט צו האַנדלען לויט איר ווילן. איר האָט דאָס נאָך אַמאָל באַוויזן״.

דעפּ. בודאָן :

„אויב די אַקטיוויטעט פון מיניסטער פון די געוועזענע קאָמבאַטאַנטן זייט אַ יאָר באַווייזט אין אַלגעמיין אַ פאָרשריט אויף געוויסע געביטן, קאָן אָבער דער פאָרגעשטעלטער בודזשעט־פּראָיעקט נישט באַקומען אונזער פולשטענדיקע צושטימונג״.

דעפּ. בערטוען :

„...פּערזענלעך האָב איך גאָרנישט קעגן דעם, אַז מיר זאָלן יעדעס יאָר דערלעדיקן טיילווייז די קאָמבאַטאַנטן פראַגן, אָבער וואָס שלאָגט אייער פּראָיעקט פאָר פּאָזיטיוועס ? גאָרנישט.

איר האָט אונז געזאָגט, אַז דער באַשלוס צו דעבלאָקירן נייע קרעדיטן האָט איר אָנגענומען אַדאַנק דער פאָדערונג פון די דעפּוטאַטן פון דער רעגירונגס־מערהייט. דאָס איז נישט זייער אָנגענעם פאַר די איבעריקע דעפּוטאַטן.

דערלויבט מיר אייך צו באַמערקן, אַז דאָס איז אַן אָפּגענוצטער און נישט דעמאָקראַטישער אַרגומענט. אויב איר זענט דעצידירט צו דערלעדיקן אַנדערע פאָדערונגען, פאַרוואָס האָט איר דאָס נישט פאַרשריבן אין אייער בודזשעט־פּראָיעקט, כדי מיר אַלע זאָלן קאָנען דערוועגן דיסקוטירן ?״

דעפּ. קלאָד מישעל :

„אין דעם זעלבן מאָמענט, וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ דעם קאָמבאַטאַנטן־בודזשעט, וואָס באַפרידיקט אונז נישט, דערלויבט דער מיניסטער צו פאַרשפּרייטן אין די קולואַרן און בלויז צווישן די דעפּוטאַטן פון דער רעגירונגס־מערהייט, די קאָפּיע פון אַ טעלעגראַמע, וועלכע ער האָט געשיקט צו די דעפּאַרטאַמענטאַלע פּאָרזיצערס פון „אופאַק״.

דאָס איז אַ נייער אויסדרוק פון פאַראַכטונג, וועלכע די רעגירונג ווייזט אַרויס דעם פאַרלאַמענט.

אויף וויפל מיר איז באַוווּסט, האָבן אַלע דעפּוטאַטן די זעלבע רעכט, אומאָפּהענגיק פון זייער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט״.

דעפּ. ביניאָן :

„דאָס וואָס איר ווילט העכערן די פּענסיעס פון מלחמה־אַלמנות ביז 500 פונקטן איז אַ גוטע זאַך. אָבער פאַרוואָס פון 60 יאָר אָן, ווען אַנדערע פרויען קאָנען איבערגיין אויף עלטער־רענטע ביי 55 יאָר ?״

דעפּ. בוואָר :

„די געוועזענע קאָמבאַטאַנטן האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן מיט ציפערן, וועלכע קיינער קאָן נישט פאַרלייקענען. מען קאָן צו דעם נישט „פאַרגלייכן די נישטיקע סומעס, וואָס דער פינאַנץ ־ מיניסטער באַווילוקט פון צייט צו צייט צוצוּוואַרפן״.

דעפּ. דיריע :

„מען דאַרף העכערן די קאָמבאַטאַנטן־רענטע. מיר האָבן זיך אַלע אַנגאַזשירט דאָס אַדורכצופירן״.

דעפּ. דאַיע :

„הער מיניסטער, מיר ווייסן אַלע, אַז איר האָט אַ גוטן ווילן. צום באַדויערן קומט ער צו לאַנגזאַם און צו ווייניק צום אויסדרוק אין פאַקטן״.

אין דער דאָזיקער ריכטונג זענען געווען געוואָנדן די אַרויסטריטן פון אַלע דיסקוטאַנטן, אי פון די לינקע, אי פון די רעגירונגס־פּאַרטייען. די לעצטע האָבן אין אַלגעמיין אויסגעדריקט צוטרוי דעם מיניסטער, אָבער אַ טייל פון זיי האָט אַרויסגערוקט אַ ריי פאָדערונגען לטובת די געוועזענע קאָמבאַטאַנטן.

# די אפשטימונג אין דער נאציאנאלער— פארזאמלונג

די דאָזיקע קריטישע באַציאונג פון די דעפּוטאַטן איז געקומען צום אויסדרוק בעת דער אָפּשטימונג פון קאָמבאַטאַנטן־בודזשעט.

פאַר דער אָפּשטימונג האָבן די ראַפּאָרט־אָפּגעבער, אויספירנדיק דעם באַשלוס פון די צוויי אויבן־דערמאָנטע פאַרלאַמענט ־ קאָמיסיעס, פאָרגעשטעלט אַ צוגאָב־פאָרשלאַג אָפּצוּוואַרפן די קרעדיטן, וואָס זענען באַשטימט פאַר די מלחמה־פּענסיעס, אַלס אויסדרוק פון אומצופרידנקייט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט 224 שטימען קעגן 220. דער קאָמבאַטאַנטן־בודזשעט איז אָפּגעשטימט געוואָרן מיט אַ מערהייט בלויז פון 4 שטימען.

קעגן בודזשעט האָבן געשטימט אַלע דעפּוטאַטן פון דער אָפּאָזיציע, ווי אויך 9 פון דער רעגירונגס־מערהייט און 5 נישט־פאַרשריבענע אין קיין גרופּירונג.

18 דעפּוטאַטן פון דער רעגירונגס־מערהייט האָבן זיך פרייוויליק אָפּגעהאַלטן פון דער אָפּשטימונג, 17 דעפּוטאַטן פון דער מערהייט האָבן נישט אָנטיילגענומען אין דער אָפּשטימונג, אָדער זיך אַנטשולדיקט.

די קרעדיטן פון קאָמבאַטאַנטן־מיניסטעריום אויפן יאָר 1974 באַטרעפן די סומע פון 8 מיליאַרד 233 מיליאָן פר. דאָס מאַכט אויס אַ העכערונג פון 6.45 פּראָצענט לגבי דעם יאָר 1973.

די דאָזיקע סומע מאַכט אָבער אויס בלויז 3,73 פּראָצענט פון אַלגעמיינעם בודזשעט אין דער צייט וואָס אין 1973 האָט דער קאָמבאַטאַנטן־בודזשעט אויסגעמאַכט 3,93 און אין 1972 — 4,10 פון אַלגעמיינעם.

## סענאט אפגעווארפן קאמבאטאנטן־בודזשעט

דעם 27־טן נאָוועמבער איז אין סענאַט פאָרגעקומען די דעבאַטע איבערן קאָמבאַטאַנטן־בודזשעט.

דער באַריכט־אָפּגעבער ה. לעגועז האָט דערקלערט, אַז די נייע רעגירונג־פאָרשלאָגן זענען נישט גענוגנדיקע. ער האָט געפאָדערט צוו. אַ. אויסצוגלייכן די עלטער־רענטעס פון די קאָמבאַטאַנטן פון צווייטן וועלט־קריג אין דער עלטער פון אַריבער 70 יאָר מיט די עלטער־רענטעס פון די קעמפער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין נאָמען פון דער סענאַט־קאָמיסיע האָט ה. לאַמבער געפאָדערט אָפּצוּוואַרפן דעם פּראָיעקט פון קרעדיטן פאַרן קאָמבאַטאַנטן־מיניסטער.

אין דער זעלבער ריכטונג זענען אַרויסגעטרעטן די סענאַטאָרן וויזשיע, דאַרו, סוקע, גאָדאָן, גראַוויע, קאָפּמאַן ,מאַרסעל מאַרטען, קאָללאָמב, און לואי מאַרטען. זיי האָבן באַרירט די פראַגן פון קריגס־אַלמנות, רעכטן פון די דעפּאָרטירטע אויף אַרבעט, פון אויסגלייכן דעם „ראַפּאָר־קאָנסטאַן״, גלייכע רעכט פון די קאָמבאַטאַנטן פון ביידע וועלט־מלחמות א.א.

פאַרטיידיקנדיק זיין בודזשעט־פּראָיעקט האָט דער מיניסטער באָרד אָנגעוויזן, אַז ער אַנטהאַלט 675 מיליאָן נייע קרעדיטן.

מיט 196 שטימען קעגן 69 האָט דער סענאַט אָפּגעוואָרפן די פאָרגעשלאָגענע קרעדיטן, באַטראַכטנדיק זיי פאַר נישט־גענוגנדיקע.


# פאל פאבו

## מיט זיין ארקעסטער

אויף אונזער

# נאכט־באל

## אין האטעל הילטאן




N° 143 Décembre 1973 (3)

<< Fonds UEVACJEA, Paris_CDJC_Mémorial de la Shoah >>

